איין וועג איז, מ'הייבט אן, מ'זעט, וויפיל פסוקים? ס'איז דא זעכציג פסוקים וואס איז נוטה צו די דעה, צוויי פסוקים צו יענע דעה. רוב פסוקים, רוב פסוקים. רוב פסוקים, רוב פסוקים. ציילט מער אזוי, און דער רמב"ם זאגט אזוי, רוב מענטשן טראכטן און טאקע אזוי טראכטן רוב מענטשן, וויפיל שטייט מער מאל אז ס'איז דא טובה, און דער רמב"ם גייט זאגן נאך שלמה המלך **"רוב בני אדם"**, רוב בני אדם טראכטן נאך אזוי.

דער רמב"ם האט אבער געהאט אן אנדערע וועג צו טראכטן. דער רמב"ם האט געזאגט אז ס'איז דא איין פסוק, אדער איין יסוד, איין שכל'דיגע יסוד, איין זאך וואס איז קלאר שכל'דיג, וואס ווי מיר האבן געזאגט פריער אין סוף פרק ה', **"מדרכי הרעות"**, **"מדרכי החכמה"**, האט ער געזאגט, **"מדרכי החכמה"** איז דא איין זאך וואס מ'ווייסט קלאר, קענען צען טויזנט פסוקים נישט מכחיש זיין. איי, ס'איז דא אנדערע פסוקים? אוודאי, יענע פסוקים מוזן מיינען עפעס, מ'וועט מוזן דוחק זיין צו טרעפן א... מ'וועט מוזן טרעפן א וועג ארויס פון יענע פסוקים, אבער דאס איז דער רמב"ם'ס סדר הלימוד, אדער זיין יסוד אלעמאל, אז קודם גייט ער וואס דער פאקט איז, וואס ס'איז דא אלעמאל א פסוק אויף דעם, אבער ס'איז מער געבויט אויף דעם וואס דאס איז די ריכטיגע הבנה. נאכדעם, אלע פסוקים וואס זענען דא וואס זענען דא פסוקים קעגן דעם, אקעי, מ'וועט פשוט ענטפערן דעם פסוק. דאס איז דער זאך.

**הלכה א': פסוקים הרבה יש בתורה ובדברי הנביאים**

אקעי, איז דער רמב"ם פרעגט דא א קשיא. לאמיר זאגן אן אווער־וויו אויף די פרק, ווייל איך האלט אז ס'איז זייער גוט צו מיטהאלטן. דער רמב"ם הייבט אן און פרעגט א גרויסע קשיא, אז ס'איז דא זייער אסאך מאל וואס ער זאגט אז ער מאכט נישט קיין ליסט פון פסוקים, אבער מ'זעט פון אינעווייניג פון וועלכע פסוקים ער רעדט. ס'איז דא אסאך פסוקים וואס מ'זעט אז ס'זאגט אז דער אייבערשטער מאכט מענטשן זינדיגן, אדער מאכט מענטשן תשובה טון, מאכט מענטשן בעסער אדער ערגער. ס'איז דא זייער אסאך פסוקים וואס סאונדן אז זיי זענען געבויט אויף די הנחה. דאס איז איין קשיא וואס דער רמב"ם פרעגט, און ער ענטפערט דאס מיט אן אינטערעסאנטע תירוץ וואס איך מיין אז רוב עולם פארשטייט נישט וואס ער פרובירט מסביר צו זיין.

און צווייטנס, נאכדעם פרעגט ער נאך א קשיא, וואס ס'זעט אויס ווי א צווייטע קשיא. איך מיין מ'דארף עס אויך גוט בעסער פארשטיין, וואס דאס איז אין די ענד פון די פרק פרעגט ער נאך א קשיא, אז ס'איז דא פלעצער וואס דער אייבערשטער האט מפורש געזאגט אויף געוויסע מענטשן אז זיי גייען טון געוויסע עבירות, אזויווי די מצרים האט דאך דער אייבערשטער געזאגט פאר אברהם אבינו **"ועבדום וענו אותם"**. דאס איז א שטערקערע קשיא. ס'איז נישט פשט דא באופן כללי די פסוקים וואס שטייען אז דער אייבערשטער מאכט מענטשן גוט אדער שלעכט, דאס איז איין סארט קשיא. נאכדעם איז דא א צווייטע ספעציפישע קשיא, אז אמאל זאגט דער אייבערשטער אז די מצרים גייען זיין שלעכט, איז לכאורה מיינט מען אז די מצרים האבן נישט קיין בחירה צו זיין שלעכט. ס'קען זיין אז ס'איז נאך פון די זעלבע קשיא, אבער דאס איז מער ווייניגער די סטרוקטור פון די פרק.

**לשון הרמב"ם: "רוב אדם" — נישט "טיפשי העולם"**

סאו יא, ממילא, זאגט דער רמב"ם אזוי: **פסוקים הרבה יש בתורה ובדברי הנביאים שהם נראים כסותרים עיקר זה**, זיי זענען סותר די עיקר אז א מענטש האט די רשות ביד עצמו בוחר צו זיין. **ונכשלים בהם רוב אדם**, רוב מענטשן ווערן נכשל אין די פסוקים. אין די פריערדיגע פרק האט ער געזאגט אז די אלע טיפשי העולם און רוב גלמי בני ישראל. דא אבער געבט ער נישט קיין שם גנאי אויף די מענטשן, ווייל זיי זענען זיך טועה וועגן א פסוק. דער וואס איז זיך טועה וועגן א פסוק איז ער נישט ברוגז אויף זיי. דער וואס איז זיך טועה וועגן זייער שכל ארבעט נישט גוט, אויף זיי איז ער ברוגז.

אדם, זאגט ער, אדם. דער פשט איז אז אדם איז אזוי ווי "דברתי אל בני אדם". בני אדם קען מיינען... דער רמב"ם זאגט אז עס שטייט **"גם בני אדם גם בני איש"**. בני אדם מיינט מענטשן, דער המון עם, יעדער איינער. און איש איז, אזוויו רש"י זאגט, "איש" לשון חשיבות. סאו ווען ער זאגט "אדם", מיינט ער רוב מענטשן וואס פאר זיי איז געשריבן געווארן די תורה, די פשוט'ע פשט פון די תורה, איז זיי זענען נכשל, זיי מאכן א טעות וועגן די פסוקים.

ער זאגט, **"ויעלה על דעתם"**, זיי ערקלערן פון די פסוקים, זיי מאכן די מסקנא פון די פסוקים, **"שהקדוש ברוך הוא גוזר על האדם לעשות טובה או רעה"**, דער אייבערשטער איז יא גוזר אויף א מענטש צו זיין גוט אדער שלעכט, **"ושאין לבו של אדם מסור לו להטותו לכל אשר ירצה"**. א מענטש האט נישט זיין אייגענע הארץ איבערגעגעבן אין זיין האנט עס צו בייגן וועלכע וועג. איז עס איז א גרויסע קשיא. זאגט דער רמב"ם, **"הריני מבאר עיקר גדול"**, ער גייט מבאר זיין א גרויסע עיקר, **"שממנו תדע פירוש כל אותם הפסוקים"**, וואס פון די עיקר וועסטו פארשטיין וויאזוי מען לערנט אפ די אלע פסוקים אז ס'זאל נישט אויסזען ווי א סתירה.

**דער עיקר גדול: בחירה קען זיך אליין אויסמעקן**

איך וויל נאר קודם מסביר זיין אביסל די ענין. וואס דער רמב"ם גייט זאגן איז אז ס'איז דא אמאל וואס א מענטש האט בוחר געווען, און נאכדעם וואס זיין בחירה האט געקאסט אז ער זאל פארלירן אביסל בחירה. דער רמב"ם לייגט עס אראפ אז ס'איז אן עונש. אבער איך מיין אז ס'איז זייער קלאר, מען דארף פארשטיין, דער רמב"ם מיינט נישט צו זאגן אז דער אייבערשטער האט נישט ליב די צדיקים. ער געבט פאר מענטשן עונשים און מאכט זיי רשעים פון זייער אפענע אויגן.

וואס דער רמב"ם מיינט איז איינפאך צו זאגן, אזוי ווי מיר האבן געלערנט אין הלכות דעות, אין הלכות שמונה פרקים, אלעמאל, אזוי ווי דו האסט געזאגט אויף פריער, ווען מ'זאגט בחירה מיינט מען נישט אז א מענטש קען אין איין סעקונדע ווערן פון די ראובן ביז משה רבינו. ס'מיינט זייער קלאר אז טעארעטיש, יעדער מענטש איז ראוי מצד עצמו צו ווערן וואס ער וויל. אבער אוודאי, א מענטש וואס איז זיך מרגיל אין שלעכטע הרגלים, איז זיין עונש כביכול, אבער ס'איז נישט אן עונש פשוט נישט אן עונש, נישט א נעסטי עונש, איז אז יעצט באקומט ער שלעכטע הרגלים ווערט אים זייער שווער צוריקצוקומען. אדער אמאל דאך חיצוני'דיגע זאכן, תנאים, א מענטש האט נישט קיין כשרונות, אדער ער האט נישט קיין געלט, דאס איז זאכן וואס שטערט אים אז ער זאל קענען זיין א גרויסער תלמיד חכם. דאס איז אויך זאכן וואס ער איז נישט שולט אויף, דער אייבערשטער איז שולט אויף.

אבער וואס איך מיין צו זאגן איז, ווען ס'שטייט עונש זאל מען נישט מיינען אז ס'מיינט אז דער אייבערשטער גייט מעניש זיין, ס'מיינט אז דאס איז דער סדר. און פארקערט, די פסוקים וואס דו האסט געברענגט געבן ארויס דאס. דאס איז מיינעך איז דער פשט.

**דיסקוסיע: בחירה אינקלודירט די מעגליכקייט זיך אליין אויסצושליסן**

## Speaker 2:

איך האב עס אפשר געזאגט מיט אביסל אן אנדערע אויסדרוק. אז א חלק פון די כח הבחירה אליין איז אז א מענטש זאל אויך קענען טון מעשים וואס פון דארטן איז שוין זייער שווער צוריקצוקומען. אזוי ווי למשל, א מענטש וועט זאגן אז א מענטש האט אויך א בחירה זיך צו נעמען דאס לעבן. אבער דאס נעמען זיך דאס לעבן איז די ענדגילטיגע בחירה, ווייל נאכדעם קען מען נישט נאכדעם טשוזן יא צו לעבן. נאכדעם האט מען נישט די בחירה, נאכדעם וואס מ'האט זיך גענומען דאס לעבן האט מען נישט די בחירה יא ווייטער צו לעבן.

סאו א מענטש טראכט צו זיך, "אה, איך האב א בחירה, סאו איך גיי דזשאמפן פון די בילדינג." און נאכ'ן דזשאמפן פון די בילדינג זאגט ער, "העי, איינער האט מיר געזאגט אז איך האב א בחירה." יא, דו האסט געהאט א בחירה צו טון אויך די פיינעל זאך וואס פון דארטן איז שוין נישטא קיין וועג צוריק. סאו א מענטש טוט שלעכטס, ער טוט שלעכטס, ער טוט שלעכטס נאכאמאל, נאכאמאל, זאגט מען אים, "אבער דו האסט נאך אלץ א בחירה." אבער וואונטשועלי, נאכדעם וואס ער טוט פאר איך ווייס וואס, פאר פינף יאר און ער טוט שלעכטס און ער טוט געפערליכע זאכן, זאגט מען אים, "ר' איד, דו האלטסט שוין ביי א עקט, דו טוסט שוין אזויפיל שלעכטס אדער דו טוסט שוין שלעכטס וואס פון דארטן איז שוין נישטא קיין וועג צוריק." און דאס איז נישט א סתירה צו בחירה, נאר פארקערט, דאס איז דאך מער מסביר די כח פון בחירה, אז א מענטש האט א בחירה אויך צו טון אזעלכע פאורעפול זאכן וואס פון דארטן איז שוין נישטא קיין וועג צוריק.

## Speaker 1:

יא, זייער גוט. אבער דעמאלטס וועל איך דיר פרעגן, פארוואס רופט עס אבער יא דער רמב"ם אז דער אייבערשטער... דער פסוק רופט עס נישט דער רמב"ם, דער רמב"ם וויל זיך מפרש זיין די פסוק. דער פסוק רופט, אמאל זאגט מען טאקע אין פסוק אז דו האסט אליין געזינדיגט, אמאל ווען ער האט אזויפיל געזינדיגט זאגט מען שוין אז דער אייבערשטער האט עס געטון. וואס קומט דא אריין דער אייבערשטער? אויב דו זאגסט אז ס'איז נאכמער בחירה...

## Speaker 2:

איך האב געטראכט אז ער רעדט פריער אז אייבישטער מיינט מען דא די סדר הטבע. דאס הייסט, דאס איז שוין... א מענטש קען זאגן, "איך וואלט געוואלט, אבער ער האט געוואלט אזוי ווי דו האסט געוואלט. איך וואלט געוואלט ארויף טאנצן פון בריק און איך קען נישט גיין צוּווישן... דאס מוז קומען נישט." דאס איז שוין דער אייבערשטער האט געמאכט. דער אייבערשטער האט געמאכט אז די בריק איז אזוי הויך און די...

## Speaker 1:

איך האב נישט געוואוסט וואס דו האסט געזאגט פאר דעם. איך האב געמיינט אז דו זאגסט אז דער אייבערשטער, ווייל דאס איז די סדר הטבע. דאס קען זיך קיין איינער קעגן. ווען מ'זאגט אז דער אייבערשטער האט געמאכט, מיינט אזוי, דער אייבערשטער איז רעוועגדזשד.

**המשך הקדמה: בחירה און עונש — דער מושג פון "דער אייבערשטער האט געטון"**

**דער מושג פון "דער אייבערשטער האט געטון" — סדר הטבע**

## Speaker 1:

יא, זייער גוט. אבער דעמאלטס דארף איך דיר פרעגן, פארוואס רופט עס אבער יא דער רמב"ם אז ס'איז דער אייבערשטער? און ווען דער פסוק רופט עס נישט שנעל, דער רמב"ם וועט זיך מפרש זיין דעם פסוק. דער פסוק רופט עס, אמאל זאגט מען טאקע אין פסוק אז דו האסט אליין געזינדיגט, אמאל ווען ער האט אזוי פיל געזינדיגט זאגט מען שוין אז דער אייבערשטער האט עס געטון. וואס קומט דא אריין דער אייבערשטער? אויב דו זאגסט אז ס'איז נאך מער בחירה?

איך האב געטראכט דעם תירוץ, אז "אייבערשטער" מיינט מען דא די סדר הטבע. דאס הייסט, דאס איז שוין, א מענטש קען זאגן, "איך וואלט געוואלט, אויב מיר רעדן אויף וואס דו האסט געוואלט, אוודאי, איך וואלט געוואלט אראפטאנצן פון א בריק און נאך קענען חרטה האבן אינצווישן." דעמאלטס קען מען נישט. דאס איז שוין דער אייבערשטער האט געמאכט. דער אייבערשטער האט געמאכט אז דער בריק איז אזוי הויך, און פארשטייסט

וואס איך זאג? פארדעם הייסט עס דער אייבערשטער, ווייל דאס איז דער סדר הטבע. דאס איז נישט קיין קעגן. ווען מ'זאגט דער אייבערשטער האט עס געמאכט, מיינט אזוי האט דער אייבערשטער אריינגעלייגט אין די טבע.

**משל פון אדיקשאן — עונש וואס זעט אויס ווי עונש**

און איך וואלט אפשר אויך געזאגט מיט א שטיקל אזא קנייטש. למשל, א מענטש ענדזשויט זייער שטארק צו טון א געוויסע זאך, און וואס געשעט נאכדעם איז אז ער ווערט עדיקטעד. נאכדעם וואס ער איז עדיקטעד, ענדזשויט ער עס שוין נישט. ער טוט עס שוין נישט, ווייל ס'זעט אויס ווי אן עונש. אזוי ווי א מענטש נעבעך וואס סמאוקט ווען ער ליגט שוין אויף א בעט קראנקערהייט, ס'זעט בכלל נישט אויס ווי ער בייגט צו סמאוקן, ס'זעט נעבעך אויס ווי ער ווייל נישט סמאוקן, ס'איז אן עונש, ס'זעט אויס ווי אן עונש. און אזוי איז טאקע, ווען א מענטש איז אזוי שקוע אין חטא, ער ענדזשויט שוין נישט חטא, ער קען שוין נישט יעצט סטאפן, ס'זעט שוין נישט אויס, ס'איז נישטא דערין קיין שום תענוג, ס'איז שוין אן עונש. די וויזשועל דערפון איז זייער שטארק ווי אן עונש. אבער די עונש איז אז אזוי האט דער אייבערשטער אריינגעלייגט אין די בריאה, אז א מענטש קען זיך קאליע מאכן.

אקעי, סאו האבן מיר גענוג געזאגט א הקדמה אז מ'זאל זיך מתבונן זיין ווען מ'ליינט יעצט דעם רמב"ם.

---

**הלכה ג: "בזמן שאדם אחד או אנשי מדינה חוטאים..."**

**דער מושג פון "מדינה" ביים רמב"ם**

### Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם, **"בזמן שאדם אחד או אנשי מדינה..."** ס'איז זייער אינטערעסאנט, א גאנצע צייט זאגט אונז דער רמב"ם דא אז ס'איז דא א זאך ווי א מדינה. מענטשן היינט איז דא אסאך אינדיווידזשואליזם, און מענטשן מיינען אז א מדינה איז א צוזאמשטעל פון א באנטש מענטשן. ס'איז דא אזא מין ענטיטי וואס הייסט א מדינה. דער רמב"ם זאגט סיי... דרך בני אדם ווערן נישטבא פון ארומיגע... אז ס'איז דא אן עונש ווען מ'איז שוקל יעדער מענטש, און מ'איז אויך שוקל די שטאט.

די מדינה האט אזא שטארקע כח. מענטשן כאפן נישט ווי שטארק סאבקאנשעסלי זיי טוען דאס. איז ווי דער ווארטל וואס איינער זאגט אז א מענטש ווערט נישטבא פון די פינף נאנטסטע מענטשן ארום אים, אדער פון די מדינה ארום אים. אבער די מדינה האט א שטארקע זאך. א מדינה מיינט א שטאט, אבער אזוי ווי קודם כל זאגט ער דאס מסתמא ווייל ער גייט ברענגען פסוקים אז מ'שטראפט די גאנצע שטאט.

### Speaker 2:

יא, אפילו נאך מער, הייסט צו זאגן למשל איינער וואס וואוינט אין, איך ווייס נישט, אן איידעלער איד וואס וואוינט אין א מדינה וואס הייסט מדינת ישראל. צי ער וויל יא צי ער וויל נישט, איז יעצט די מדינה איז יעצט אזא מין מדינה אז זיי קענען מאכן געוויסע החלטות. דו קענסט אפילו נישט תשובה טון, אבער דו ביסט במילא, דו ביסט א פארט פון דעם. איז קען זיין אז דו ווערסט האבן אן עונש אויף די מדינה.

### Speaker 1:

די מדינה מיינט נישט דער רמב"ם די ד' אמות קדושה, אז דו קענסט אנטלויפן אין מדבר, נאר ער מיינט די סאסייעטי. ווילאנג דו ביסט פארט פון די סאסייעטי... אפילו ס'איז דא מענטשן וואס רוקן זיך ארויס פון סאסייעטי. איך זאג אפילו מער ווי דו זאגסט. דו זאגסט אז ס'איז נאר אזוי ווערסטו נישטבא, במילא באקומסטו שלעכטע מידות. נאר מיר זאגן, די מדינה האט מחליט געווען צו גיין אין מלחמה. ווער האט מחליט געווען? איך ווייס נישט. ס'קען זיין אז פונקט וואלט געווען א צווייטער מלך וואלט געווען אנדערש. אבער יעצט, אויב די מלחמה איז א חטא און ס'קומט אויף דעם אן עונש, גייט יעדער איינער נישטבא ווערן. אה, דו פרעגסט וואס איז מיט די צדיקים שבתוכה? ס'איז נישטא קיין צדיקים שבתוכה. א מדינה איז א זאך וואס איז אמת, דו פערזענליך וואלסט נישט געטון די זאך, אבער דו ביסט פארט פון. ס'איז נישטא קיין...

**קשיא פון ר' יחיאל מאיר: סדום ועמורה — פארוואס איז די ריבוא חטא געשטארבן?**

איך האב געזען איינער פרעגט א הערליכע קשיא, וואס מ'האט מיר משתמא מעורר געווען. ר' יחיאל מאיר'ן פרעגט די קשיא אז ער פארשטייט נישט. ס'איז דאך דא וואס שטייט "זעקה סדום ועמורה כי רבה", יא? פארוואס? ווייל ס'איז געווען עפעס א... ריבוא חטא. יא? פרעגט ער, נו, די ריבוא חטא איז אויך געשטארבן ווען מ'האט איבערגעקערט סדום, אמת? דאס איז יושר? פארוואס האט אברהם אבינו געשריגן אז אפשר איז דא צען צדיקים? וואס גייט דא פאר?

אקעי, איך מיין אז די תירוץ ליגט אין וואס איך האב געזאגט, אבער ער זאגט אפשר אן אנדערע תירוץ. אבער... איך דארף זען וואס ער שטייט. שטייט אז איך זאג אז ס'איז דא אזעלכע זאכן אין די מדינה. די מדינה איז חרוב. די ריבוא חטא, זי איז אויך געווען פארט פון די רשע'דיגע מדינה. איי זי איז גראדע די וואס ליידט פון זייער חטא? אן הכי נמי, פארדעם ליידט זי טאקע. פארוואס האט זי פון אנפאנג געליידט? ווייל זי איז פארט פון א שלעכטע שטאט. זי וואלט געדארפט אנטלויפן. קודם כל, די רמב"ם'ס לשון איז, זי וואלט געדארפט אנטלויפן. אקעי, נישט אלעמאל קען מען. שוין, זאגט דער רמב"ם, אזוי איז דרך בני אדם.

**"חטא שעושה מדעתו וברצונו" — דער חילוק צווישן בחירה און דעת ורצון**

### Speaker 1:

האט ער די אנטשיידונג. **חטא, ועושה חטא חטא שעושה מדעתו וברצונו**, ער טוט די חטא, אנהייב, at least, לכל הפחות שוואך אויף צייט, הילכתא איז **בבחירתו**, און ער מאכט די חטא **בדעתו וברצונו**.

פארוואס האט דער רמב"ם געדארפט אריינברענגען די ווארט בחירה? איך מיין אז מ'דארף קודם טייטשן וואס איז די ווארט בחירה. אקעי, מ'דארף טראכטן וואס איז די ווארט בחירה אנדערש ווי די ווארט דעת ורצון? עס איז דא א דיפערענץ. ווען מ'פארשטייט די דיפערענץ, דארף מען מאכן פילאסאפיע צו אריינגיין אין זאכן וואס מ'האט נישט קיין צייט. אבער בחירה מיינט די ערשטע החלטה, אזוי ווי בדעתא וברצון איז שוין די רגילות, איז שוין די טבע. איך ווייס נישט, עס איז דא אפשר א חילוק.

עס איז זיכער ווען א מענטש... עס איז נישט פאקטיש אז א גאנצע צייט איז א מענטש בוחר, אזוי ווי א מענטש שאצט א גאנצע צייט, ער זאל טון אזוי, ער זאל טון אזוי, און ער מאכט א החלטה. בדעתא וברצונא איז געוועגליך נישט אזא שטארקע קאנשעס דעסיזשן. בדעתא וברצונא מיינט ער עפעס אנדערש, עס מיינט א הכרח אז די בעל הבית, אויף דעם האב איך ליב די לשון הרשות וואס דער רמב"ם זאגט. ווייל די יסוד זאגט מען דא אז די אחריות, די בעל הבית אויף די מעשה איז דיך, איז דער מענטש אליין. איז די דיך, יא, ווער עס איז. און דאס איז א וועג פון צו זאגן אז ס'איז געווען ברצון, קיינער האט דיך נישט געצווינגען, ס'איז מדעת, נישט ממש בחירה. אבער די ווארט בחירה קען זיין מיינט עפעס אנדערש אין רמב"ם.

דער רמב"ם מיינעך ניצט יא אן אנדערע קאנטעקסט אויף די ווארט בחירה, און עס מיינט עפעס אנדערש, און מ'קען ווערן צומישט. בוחר זיין בטוב, וואס איז בחירה האט ער געזאגט? בוחר זיין אין בעסערע מעשים? איך געדענק נישט. אבער למשל, ווען א מענטש טוט א דעסיזשן צו זיין חוזר בתשובה אדער צו זיין פארקערט, צו חוזר זיין על סורו נחם על הרע, דאס הייסט א בחירה. בחירה מיינט ער שאצט אפ, איך וועל זיין א גוטער מענטש, איך וועל זיין א שלעכטער מענטש, ער איז בוחר. רוב מאל איז א מענטש טוט ברצונו, ווייל ער איז נישט א קינד וואס מ'צווינגט אים, ער איז אן אדאלט וואס ער קען אליין טון זאכן, אבער באמת איז נישט געווען קיין בחירה.

אבער לאמיר זיך האלטן צו די רמב"ם'ס לשון, ווייל עס גייט אריין אין מיין כלל. אמת'דיג צו פארשטיין דארף מען לערנען 24 ספרים און אזוי ווייטער. דער רמב"ם איז געווען א מומחה אין זאגן פונקטליך וואס פליסט די גאנצע זאך, אבער אונז דרייען לײדער אן אנדערע ווערטער און מ'זאגט, אבער מיר פארשטייען נישט וואס ער זאגט, מיר שרייען מיר גייען מיט אים.

#### ראוי להיפרע ממנו — עונש בעולם הזה

### Speaker 1:

זייער גוט. סאו דער רמב"ם זאגט אז א מענטש אדער א שוטה זינדיגט, ער זינדיגט היינט צו טאגס, ער איז א עובד עבודה זרה מדעת וברצון, און ממילא וועגן דעם איז דאך פאסיג אז **ראוי לעונשין**, מען קען זיי געבן שטראפן, אזוי ווי דער רמב"ם האט פריער געזאגט, אז וועגן ס'איז דא א רשות פאר א מענטש צו טון וואס ער וויל, באדייט ער בחר בו, און ממילא איז דא א מקום פון שכר ועונש.

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"והקדוש ברוך הוא יודע היאך יעניש"**. דער אייבערשטער ווייסט וויאזוי צו שטראפן. זאגט ער, זאגט דער רמב"ם, **"יש חטא שהדין נותן שאין הפרעון ממנו אלא חטא בעולם הזה"**. ס'איז דא אזעלכע סארט חטאים וואס דער יושר, דער דין, זאגט אז די פאסיגע עונש אויף דעם איז אז ער באקומט זיין שכר, זיין עונש אויף זיין חטא בעולם הזה. וויאזוי? **"בגופו"**, ער באקומט בגוף, ער באקומט יסורים אדער אזעלכע זאכן, **"או בממונו, או בבניו הקטנים"**.

**"שבניו של אדם הקטנים שאין בהם דעת ולא הגיעו לכלל מצוות קניינו הם."** פארוואס פשט, די בנים זענען דאך אן עקסטערע ענטרי? זאגט ער ניין, ווי לאנג א מענטש'ס קינדער זענען קליין און זיי האבן נישט קיין דעוועלאפט דעת און זיי זענען נישט אנגעקומען צו כלל המצוות, הייסן זיי אזוי ווי א קנין פון די טאטע. אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק **"איש בחטאו יומתו"**. טייטשט דער רמב"ם, וואס זאגט דער רמב"ם? אז דאס וואס שטייט, פון ווען איז "בחטאו יומתו"? פון ווען שטארבט א מענטש נאר פאר זיינע אייגענע חטאים? **"אחר שיעשה איש"**, נאכדעם וואס ער ווערט שוין אן אייגענער איש, ווען ס'איז שוין שייך אויף אים אליין שכר ועונש.

#### פארוואס קינדער ליידן — דער רמב"ם'ס תירוץ

דער רמב"ם גיבט דא בעיסיקלי א קליינע פארענטפער אויף די קליינע קשיא פון וואס איז פשט אז מען זעט קליינע קינדער שטארבן. זאגט דער רמב"ם אז די עיקר צער איז די צער פון די עלטערן, און די קינד אליין איז נישט שווער. ער זאגט נישט די ווארט צער, ער זאגט נישט צער. ער זאגט אז די קינד באלאנגט נישט צו זיך אליינס, ער האט נאך נישט קיין דעת, ממילא באלאנגט ער נישט צו זיך אליינס, אבער צו איינעם באלאנגט ער יא. ער באלאנגט צו די עלטערן. ער באלאנגט נישט, איך מיין, אין די סענס אז אפשר קען ער אים פארקויפן, איך מיין א טאכטער קען מען פארקויפן, אבער א זון קען מען נישט פארקויפן. על כל פנים, איז דאך אלץ, די פאקט איז אז ער באלאנגט פאר די טאטע.

#### "דינו נותן" איז בדרך הטבע

און ממילא זענען דא געוויסע עונשים, געוויסע חטאים, וואס לאמיר זיך פארשטיין, ווען דער רמב"ם זאגט שכר ועונש, די ערשטע מאל דארף מען טראכטן פון זאכן וואס זענען בדרך הטבע אזוי, רייט? למשל, א מענטש ארבעט נישט און ער פארלאזט, וואס רופט מען, ער נעגלעקט זיין שטוב, וואטעווער, גייען זיינע קליינע קינדער שטארבן פון הונגער. פרעגט מען, זיי זענען דאך נישט שולדיג. טאקע ווייל זיי זענען נישט שולדיג, וועגן דעם שטארבן זיי. און ווען די טאטע'ס חטאים, טאקע וועגן דעם, ווען זיי וואלטן געווען ערשט, וואלטן זיי געדארפט אליינס גיין נאך געלט, מאכן ארבעט, יא, וואלטן זיי געדארפט אליינס פארדינען. אבער יעצט אזוי, תחת יד אביו, איז דער טאטע שולדיג אויף סיי אים און סיי זיינע קינדער. אזוי ארבעט די וועלט. ווען מ'זאגט אז ס'איז פאר אדער נישט, פארשטייט זיך אז פילע קומט אריין פאר, אזוי ארבעט די וועלט. אויב ס'איז דא אנשים וואס זענען אביסל ווייניגער טבע'דיג, נאך אלץ ארבעט עס אין די זעלבע וועג. דיינע קליינע קינדער, טאקע וויבאלד זיי זענען אונטער דיין דעת, וועגן דעם זענען זיי אונטער דיין דעת, און דער טאטע איז דער וואס איז מחליט צו ס'זאל גיין גוט אדער שלעכט.

אקעי, לאמיר נישט פאקוסן, אבער דער רמב"ם פאקוסט נישט אויף די קוועסטשן פון צו ס'איז פער צו נישט. דער רמב"ם געבט נאר א ווארף אריין אז אסאך מאל צווישן די עונשים בעולם הזה איז די גוף פון דעם מענטש, די געלט פון דעם מענטש, אדער די יונגע קינדער פון דעם מענטש וואס איז א חלק פון אים.

#### דריי קאטעגאריעס פון עונש

### Speaker 1:

**"ויש חטא אחר שדינו נותן שיפרע ממנו לעולם הבא, ואין עליו שום נזק בעולם הזה."** און ס'איז דא א דריטע קאטעגאריע, **"ויש חטא שנפרעים ממנו בעולם הזה ובעולם הבא."** קענסטו מאכן א נייע נאמבער? **"ויש חטא שנפרעים ממנו בשניהם."** ס'איז דא א חטא וואס מ'באקומט שטראפן בעולם הזה ובעולם הבא. זייער גוט.

#### וואס מיינט "דינו נותן" — עס ווענדט זיך אין וואס מען איז פוגם

ס'זעט מיר אויס אז דער רמב"ם מיינט דא עפעס אזוי, די דריי קאטעגאריעס פון עונשים ווייל ער עפעס ארויסברענגען, און איך ווייס נאך נישט וואס. ס'זעט אויס גוט, ער האלט אינמיטן די חשבון פון חיים... יא, ער וויל דא עפעס ארויסברענגען א זייער וויכטיגע זאך. איך מיין אז די "דינו נותן", איך זאג, די "דינו נותן" מיינט אז ס'ווענדט זיך, דו קענסט זאגן אזוי, ס'ווענדט זיך אין וואס דו ביסט פוגם, למשל. איינער איז פוגם אין זיין דעת, אפשר פארלירט ער עולם הבא. איינער איז פוגם נאר אין זיין... דברים שבגוף. עפעס א סוד ליגט דא זיכער. סתם דער רמב"ם קומט דא זאגן הלכות שכר ועונש, ס'איז דא פארשידענע סטעידזשעס.

#### מקור פאר די דריי חילוקים

### Speaker 2:

ס'איז דא א משנה, יא, ס'שטייט עקשולי אויף עבירות, איך געדענק, ס'שטייט אויף די... מ'זאגט דאך אין דער פרי, יא, ס'איז דא "דברים שאדם אוכל פירותיהם בעולם הזה", ס'איז דא די דריי חילוקים במצוות, אבער ס'זעט אויס אז ביי עבירות איז אויך דא. וואס איז די מקור פאר דעם? ס'איז דא זאכן וואס מ'באקומט שכר בעולם הזה, עס איז דא אויף ביידעס, עס איז דא אויף נארף אבן הבד, דו געדענקסט אז עס איז דא אזא מקור פאר דעם? עס ברענגט נישט, אינטערסאנט.

### Speaker 1:

אה, עס איז יא דא, און פייע, די זעלבע זאכן, נפראים מול דודם מזעס, וואס קערן קעמת לעולם הבא, זעט מען דארט, עס איז דא זאכן, מען באקומט אנטשעים אויף ביידע וועלטן. עס איז דא דרייסט דארט זאכן, זאג די ראמה און ווייטער, ביי למער'ס, ביי למער'ס, ביי למער'ס, דאס האט מען באקומט אנטשעים אויף ביידע וועלטן.

#### תשובה כתריס בפני הפורענות — ביאור הפסוקים הנראים סותרים עיקר הרשות

#### הלכה ו (המשך) — תשובה כתריס בפני הפורענות

אה, ס'איז יא דא. אין פאה, די זעלבע זאכן. **"אלו דברים שאדם אוכל פירותיהן בעולם הזה והקרן קיימת לו לעולם הבא"**. זעט מען דארט אז ס'איז דא זאכן וואס מ'באקומט עונשים אויף ביידע וועלטן. ס'איז דא די דריי סארט זאכן.

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"במה דברים אמורים? דאס וואס מ'באקומט עונשים איז נאר געזאגט געווארן בזמן שלא עשה תשובה, אבל אם עשה תשובה, הרי תשובה כתריס לפני הפורענות"**. תשובה איז אזוי ווי א פאנצער. דאס איז זייער שיין, ווייל מ'קען עס אנקוקן אז ווען ער האט געטון תשובה, קומט זיך אים נישט קיין עונש.

אבער ס'זעט אויס אז ס'איז אויף דא זאכן וואס דער עונש איז נעטשרעלי. אזוי ווי אויב א מענטש, לאמיר זאגן, א מענטש טשעפעט מיט יעדן איינעם, א מענטש דרייט זיך ארום און ער טשעפעט מענטשן און ער בא'גנב'עט מענטשן, און דער עונש איז נעטשרעלי אז ס'קומט צוריק צו אים, ער ווערט צוריק א נרדף און מ'גייט אים כאפן. אבער אפילו אויף דעם, גייט תשובה זיין אזוי ווי ס'גייט אים אפהאלטן, ס'איז א פאנצער, ס'גייט אפהאלטן די נעטשרעל עונשים פון געשען צו אים.

אזוי ווי לאמיר זאגן, א מענטש איז עובר אויף "ונשמרתם מאד לנפשותיכם", און דער עונש גייט זיין אז ער גייט ווערן קראנק. אבער אויב ער טוט תשובה, גייט ער האבן א פאנצער. נאכאמאל, איך מיין ער גייט נעמען א רפואה, אבער ס'גייט דאך העלפן, די יעצטיגע תשובה גייט העלפן אים אפהיטן פון פורעניות.

**תשובה ומעשים טובים כתריס בפני הפורענות**

ברענגט דער רמב"ם אין דער משנה, זאגט זייער שיין, שטייט אין דער משנה **"תשובה ומעשים טובים כתריס בפני הפורענות"**. זאגט דער רמב"ם, תשובה איז אויב מ'האט שוין געזינדיגט, און מעשים טובים איז לכתחילה. ס'איז צוויי וועגן פון נישט האבן פורעניות: אדער מ'זינדיגט נישט לכתחילה, אדער אויב מ'האט שוין געזינדיגט, זאל מען תשובה טון.

**תשובה ברצונו ובדעתו**

זאגט דער רמב"ם, **"כשם שאדם חוטא ברצונו ובדעתו"** — פונקט ווי מיר האבן געשמועסט אז דער ענין פון חטא איז ווייל א מענטש האט רצון און דעת און ער טשוזט זיינע מעשים — **"כך הוא עושה תשובה ברצונו ובדעתו"**. אויף די זעלבע זאך, תשובה דארף דאך זיין די זעלבע מין זאך ווי חטא, אז א מענטש האט געמאכט א החלטה אדער ער האט א רצון צו טון עפעס, און די זעלבע זאך תשובה איז אז ער האט א רצון צו מער נישט זינדיגן, און זיין דעת זאגט אים אז ער זאל מער נישט זינדיגן.

ער ברענגט א כלל ארויס דער רמב"ם, מ'זאל נישט מיינען אז תשובה איז עפעס א יוצא מן הכלל. אפשר איז דא פסוקים, לכאורה גייט ער באלד זאגן, ס'איז דא פסוקים וואס זאגן אז דער אייבערשטער מאכט אז מ'זאל תשובה טון אויף. זאגט ער, קודם כל זאלסטו וויסן א כלל, ווען מ'זינדיגט קומט זיך אן עונש, אויב דו האסט געזינדיגט מיט דעת, ביסטו אליינס מוסר, זאלסטו דאך טון תשובה. תשובה איז נישט דער אייבערשטער מאכט אז דו זאלסט תשובה טון, דו אליינס האסט תשובה געטון, ממילא קומט זיך דיר די תשלומי פרוניא.

**הלכה ה — דער עונש פון מניעת התשובה**

שוין, אז יעצט קומט מען אן פיינעלי צו די תירוץ פון די קשיא. ווי, **"ואפשר"**, יא, זאגט דער רמב"ם, **"ואפשר שיחטא אדם חטא גדול או חטאים רבים"**, ס'איז מעגליך אז א מענטש וועט טון א גרויסע חטא אדער מערערע חטאים, **"עד שיתן הדין לפני דיין האמת"**, אז דער דין איז אויף אן אופן וואס דער דין נוטה. דער רמב"ם וויל דא זאגן אז ס'איז זייער קאמפליצירט, דו קענסט נישט זאגן פאראויס וואס גייט געשען פון יעדע זאך, נאר דער אייבערשטער ווייסט.

**דיסקוסיע: וואס מיינט "שיתן הדין לפני דיין האמת"?**

און ס'איז אינטערעסאנט, דער דין נוטה, פאר וועם איז דער דין נוטה? פאר דיין האמת? כאילו דער אייבערשטער איז דער גרויסער דיין, און די דעת איז אזוי ווי ווערט דא דער קטיגור אדער דער סניגור, יא? יענץ וואס מיר האבן געזאגט פריער אין חובת הלבבות. די פמליא של מעלה פון דער אייבערשטער דא איז די דעת.

**Speaker 2:** איך זאג, דער דין נוטה מיינט צו זאגן אז אזוי איז ריכטיג. דער יושר זאגט פאר'ן אייבערשטער...

**Speaker 1:** אה, אקעי, דו גייסט שוין אריין אין טיפע חקירות וואס מ'האט נישט... ניין, איך מיין צו זאגן אז אזוי איז ריכטיג. דער דמיון וואס ער זאגט, דער משל וואס ער זאגט, אז דער אייבערשטער איז מחליט, אבער ער איז מחליט אז ס'איז ריכטיג אז ער זאל זיין מחליט. דער אייבערשטער איז דער וואס ווייסט, נישט דער אייבערשטער איז מחליט, דער אייבערשטער קען נישט מחליט זיין אז עפעס וואס איז נישט ריכטיג זאל זיין ריכטיג. דער אייבערשטער ווייסט וואס איז ריכטיג.

על פי הדין, דער דין נוטה לפני דיין האמת, אז דיין אמת מיינט צו זאגן אז אונז ווייסן נישט וואס דער דין איז, ווייל אונז פארשטייען נישט פונקטליך וואס דער דין איז אויף יעדע זאך. אבער ס'קען זיין, פונקטליך יעדער דין, פאר וועלכע חטא קומט זיך וועלכע סארט עונש על פי דין.

**דער עונש: מניעת התשובה**

איז דא געוויסע חטאים וואס אויף דעם זאגט דער דין, אויף דעם זאגט דער יושר, **אז יהא עונשן של זה החוטא החטאים אלו שעשה ברצונו ודעתו**, אז דער עונש פאר די חטא וואס ער האט געטון די אלע חטאים ברצונו ודעתו זאל זיין אזוי, **שמונעין ממנו התשובה**, דער עונש אויף דעם זאל זיין אז מ'זאל מונע זיין פון אים תשובה. **ואין מניחין לו רשות לשוב מרשעו**, מ'געבט אים נישט רשות לשוב מרשעו.

רשות מיינט מ'לאזט אים נישט איבער מער זיין אייגענע רשות. געווענליך, פריער האט ער געזאגט אז מעשיו של אדם איז ברשותו, ליבו של אדם איז ברשותו, רשות נתונה לו. איז דא געוויסע חטאים וואס די מידת הדין זאגט אויף דעם אז דער עונש אויף דעם דארף זיין אז מ'זאל פארלירן די רשות לשוב מרשעו, און דער מענטש בלייבט שוין טרעפט אין זיינע חטאים, **כדי שימות**, ס'איז שוין דאס די הכנה צו די גרעסערע עונש, **כדי שימות ויאבד בחטאו שעשה**, ער זאל שטארבן מיט די חטאים.

**משל פון היטלער**

כאילו, אויב דו ווילסט עס זאגן יא אין א וועג פון שכר ועונש, נישט אויף די וועג וואס איך האלט אז ס'איז די אמת'דיגע, ס'מיינט צו זאגן אזוי: תשובה לכאורה איז א תירוץ אויף פנימיות. תשובה לכאורה העלפט פאר יעדער איינער. ס'איז דא איינער וואס איז א היטלער, ער האט אויסגעהארגעט זעקס מיליאן אידן. נאכדעם וועט ער קומען און זאגן, "איך וויל תשובה טון." וואס קען מען אים זאגן פאר דעם מענטש? וואס איז די דין אמת? די דין אמת איז וואס? תשובה? די דין אמת איז אז מ'זאל אים נישט לאזן תשובה טון. נישט צו זאגן, "דיין תשובה איז..." די דין אמת איז, "דו קענסט נישט תשובה טון. דו זאלסט בלייבן א רשע." "אה, איך וויל תשובה טון." "מ'וועט זיך מאכן זיכער אז דו קענסט נישט וועלן תשובה טון." ס'איז שוין די הכנה צו שטארבן פריער. דו וועסט שטארבן אלס רשע און דו וועסט גיין אין גיהנום or whatever די עולם הבא. דאס איז די...

**הלכה ו — ביאור הפסוקים: ישעיהו ו:י**

זייער גוט. זאגט דער רמב"ם, **הוא אשר אמר הקב"ה על ידי ישעיהו**. דא ברענגט ער אפ די פסוקים וואס האט אים געבאדערט. זאגט ער, יעצט וועסטו פארשטיין אז די פסוקים וואס שטייט איז נישט קיין סתירה צו די גאנצע תורה פון שכר ועונש וואס איז בעיסד אויף די רשות של אדם, נאר עס שטימט מיט די תורה וואס איך זאג דא, אז עס איז דא אמאל געוויסע חטאים וואס דאס נעמט אוועק די רשות של אדם. אבער ס'איז דאך זיכער אז ער ברענגט דאס אלס פסוקים וואס שטימט מיט די בעסטע מיט די הסבר וואס ער האט געגעבן.

זאגט ער, וועגן דעם שטייט דורך ישעיהו הנביא, זאגט דער אייבערשטער צו ישעיהו הנביא אזא נבואה, ער זאגט אים, **"השמן לב העם הזה"** — די לב פון די פאלק איז געווארן זייער פעט, און מאך עס, ס'גייט ווערן, "השמן" ס'זאל ווערן, **"ואזניו הכבד ועיניו השע"** — און זייערע אויערן וועט ווערן זייער שווער, און זייערע אויגן וועט נישט קענען זען. פארוואס? **"פן יראה בעיניו"** — ווייל דער אייבערשטער זאגט אזוי: די אידן האבן זייער אסאך געזינדיגט, און די עונש גייט זיין אז זייער הארץ גייט ווערן מער כבד, ס'גייט ווערן מער פעט.

**דער משל פון א פעט הארץ**

ס'איז זייער אינטערעסאנט, ווען א מענטש איז זייער פעט, שטערט עס זיין הארץ פון אפערעיטן, ווייל עס לייגט זיך אן אויף די הארץ. אבער דא איז

דאס אזא משל, אז די לב של אדם איז ברשותו. זאגט ער, אז די עונש פאר די חטאים וואס די אידן האבן געטון איז אז זייער הארץ גייט ווערן שווער, זייערע אויערן וועט ווערן שווער, זייערע אויגן וועלן נישט קענען זען.

פארוואס? "פן" — ווייל נארמאלערהייט האט א מענטש אייביג די געלעגנהייט אז ער זאל פריש זען מיט זיינע אויגן. א מענטש, למשל, האט געטון חטאים וואס ס'קומט זיך אים נאכגישט די עונש וואס דער רמב"ם האלט דא אינמיטן זאגן פון. איז וואס געשעט? אז נאכ'ן טון חטאים זעט ער מיט זיינע אויגן און ער הערט מיט זיינע אויערן מוסר, און מיט זיין הארץ פארשטייט ער אז ער האט געטון ראנג, און אין לבבו מאכט ער א גוטע החלטה צו תשובה טון, **"ושב ורפא לו"** — און ער טוט תשובה און ער ווערט געהיילט.

זאגט אבער דער אייבערשטער, אז פאר די אידן וועט די עונש זיין אז זייער הארץ וועט ווערן פעט, זיי וועלן נישט האבן די אפארטוניטי.

ס'שטימט זייער גוט. זאגט דער רמב"ם, אבער דאס איז אן עונש פאר אן עבירה וואס זיי האבן געטון, אז זיי האבן פארלוירן די רשות של אדם, דאס אז זייערע אויגן און אויערן און הארץ איז אפן צו קענען אייביג אנעמען די אמת'ע מוסר.

#### דיסקוסיע: פשט אין פסוק — עונש אדער תוכחה?

**Speaker 2:** זייער גוט. מ'מיינט צו זאגן, ס'איז אזוי ווי "כבד לב פרעה", מ'האט אים געזאגט די זעלבע לשון, יא? אז די מענטש'ס הארץ, מ'מיינט זיין הבנה אדער זיין... ער גייט מקבל זיין מוסר וכדומה. און ער גייט נישט קענען מקבל זיין מוסר וכדומה.

**Speaker 1:** וכה"א **"ויהיו מלעיבים במלאכי האלקים"**. איך גלייב אין ביידע וועגן אז דאס איז נישט דער פשוט'ער פשט אין דעם פסוק, און דער רמב"ם זאגט אז דאס איז דער פשט, און לפי דעתי עבדך מיינט עס נישט דאס. אבער דער רמב"ם לערנט אזוי פשט אין פסוק, וואס איז נישט קיין קשיא, ער האט געקענט שרייבן אנדערש. לאמיר זיך יעצט לערנען דעם רמב"ם, און מיר וועלן זאגן אז דער רמב"ם האט געמיינט צו זאגן אז ער מיינט צו אונטערשרעקן דעם עולם. ער זאגט, "הלאו, ביסט אזוי פארשטאפט, אפשר האסטו אזוי מורא צו טון תשובה? אפשר האסטו מורא צו כאפן אז דו דארפסט תשובה טון?" נו, ער מיינט נישט אז מען זאל נישט תשובה טון, ער מיינט אז מען זאל יא.

**Speaker 2:** ניין, דער רמב"ם איז אויך נישט לערנען פשט אז ס'איז פיינעל, דאס איז די תוכחה. אז אויב איר גייט ווייטער אנגיין אזוי מיט דעם טון, צום סוף וועט זיין "השמן לב העם הזה". מ'דארף זען פונקטליך די פסוקים. אבער דער רמב"ם זאגט דאך יא קלאר אז דאס איז א מציאות, ווען די הארץ ווערט שוין צו שטארק פעט וועט מען קיין תשובה נישט טון.

**Speaker 1:** איך ווייס אז דער פסוק מיינט אז דער אייבערשטער האט דאס געמאכט. דער רמב"ם וויל אפשר זאגן אז דאס וועט זיין דער עונש. קען זיין דער פסוק מיינט, אזוי ווי דו האסט געוואלט טייטשן אז ס'מיינט בכלל בעבר, איך מיין אז ס'מיינט בעתיד, אבער דער פסוק מיינט אז ס'גייט אזוי געשען ווייל ענק האלטן נישט דערביי. אפשר דאס איז אייער חטא. איך ווייס נישט ווי דער רמב"ם האט געטראפן קלאר אז דאס איז דער עונש.

**Speaker 2:** אקעי, דאס איז דאך די שאלה, צו דער רמב"ם ווען ער זאגט דא "עונש", מיינט ער צו זאגן אז ס'איז א סארט חטא, ווייל דאס איז די רעזולטאט פון די חטא, אזוי ווי מיר האבן עס פריער געשמועסט. א מענטש האט א חטא וואס מ'דארף נישט א זאך א וועג צוריק. דו האסט געטון דאס, און ממילא איז געשען צו דיר. ס'איז שוין א זאך וואס דו האסט נישט געטון.

**Speaker 1:** דער עיקר וואס ער זאגט פון דעם פסוק איז אז נאכדעם וואס א מענטש טוט א לאנגע צייט חטאים, פארלירט ער די כח צו קענען עפענען זיינע אויגן, און ס'איז נישט קיין סתירה מיט זיין בחירה. א מענטש, ווי זאגט מען, "מטמטם את הלב", און די טמטום הלב מאכט אים שווערער תשובה צו טון.

#### הלכה ו (המשך) — פסוק פון דברי הימים: "ויהיו מלעיבים במלאכי האלקים"

**Speaker 1:** אקעי, לאמיר גיין ווייטער. **וכ"א**, אזוי שטייט אין פסוק, **"ויהיו מלעיבים במלאכי האלקים"**. אויף וועם זאגט מען דאס? אויף יודן וואס האבן געטון עבירות. דאס איז א פסוק אין דברי הימים. אויף וועם? אויף די יודן פון ביי ירמיהו. די יודן אין די צייטן פון ירמיהו האבן געטון עבירות.

זיי האבן געפייניגט ירמיהו הנביא, אזוי האבן זיי נישט געוואלט אננעמען זיין מלאכי אלקים. זיי האבן געשפעט פון די מלאכי אלקים, זיי זענען געגאנגען נאך די נביאי השקר. **"ובוזים דבריו"**, מ'האט פארשעמט זיינע ווערטער. **"ומתעתעים בנביאיו"**, מ'האט א טעות געווען, מ'האט ארומגעחושט, מ'האט נישט גענומען ערנסט די נביאים, אדער זיי גע-"gaslight", וואס "מתעתעים" מיינט געוועגליך ארומגעחוש'ט, מ'האט צעמישט די נביאים, **"עד עלות"** —

#### הלכה ו (המשך) — דער ענין פון "עד לאין מרפא" און פרעה'ס חיזוק הלב

##### דער רמב"ם'ס ווערטער: "עד לאין מרפא" — פארלירן די כח פון תשובה

**Speaker 1:**

ניין, זיי האבן געפייניגט ירמיהו הנביא, אז זיי האבן נישט געוואלט אננעמען זיינע מלאכי אלקים. זיי האבן געשפעט פון די מלאכי אלקים, זיי האבן געגאנגען נאך די נביאי שקר.

וואס מיינט ביז ס'איז מער נישט געווען קיין רפואה?

זאגט דער רמב"ם, דער ענין, **"חטא איש ברצונו והרבה לפשוע"**, דער פסוק רעכנט דא אויס דריי לשונות פון חטא וואס זיי האבן אלץ געטון, שווערע חטאים, וואס אויף דעם איז געווען די חמת ה', דער עונש אויף דעם איז געווען **"שנתחייב הוא למנוע ממנו התשובה שהיא מרפא"**, ווי ס'שטייט פריער **"ושבו ורפא לו"**, תשובה איז א רפואה פאר די נפש.

זאגט ער אז די עונש פארן אזויפיל מאל "מלעיבים במלאכי אלקים", אויך דריי מאל, יא, ביי דריי מאל באקומט מען א חזקה, זיי זענען שוין געווארן מוחזק בחטא, און ס'ווערט שוין **"עד לאין מרפא"**, זיי וועלן שוין נישט קענען טרעפן קיין וועג פאר תשובה, זיי וועלן שוין נישט האבן קיין רשות.

##### קושיא אויף דעם רמב"ם'ס ראיה פון דעם פסוק

מ'דארף אויך נישט מורא'דיג קומען צו אז דער פסוק רעדט פון דעם, באט אקעי, איך וויל אפשר נישט אפפרעגן דעם רמב"ם, ס'שטייט אין די פסוקים יעצט, איך ווייס אויך גארנישט. ווייל דו קענסט דאך זאגן "אין מרפא" מיינט אז ס'גייט זיין אזא צרה שאין מרפא. דער רמב"ם האט אריינגעלערנט דא די ענין פון תשובה, ס'שטייט נישט אין די ווארט קיין ווארט תשובה. אפשר ווייל ס'שטייט פריער **"ושבו ורפא לו"**.

אבער דו זעסט טאקע, **"עלות חמת ה'"**, ס'וועט קומען אזעלכע חמה ועונשים **"באין מרפא"**, וואס מ'וועט נישט קענען אויסהיילן. סטאטש, ס'איז געקומען, ווי ס'שטייט ווייטער, אז דער מלך כשדים איז געקומען און אויסגעהארגעט אלע אידן, מ'האט שוין נישט געקענט זיי צוריקהאלטן, ווי לאנג זיי זענען געווען אינדרויסן האט מען נאך געקענט מלחמה האלטן, ווי לאנג די חומה איז געווען ביי אים.

אבער דער רמב"ם האט אריינגעלערנט אז די "מרפא" מיינט דא **"ושבו ורפא לו"**, די רפואה פון תשובה.

##### תירוץ — דער מעכאניזם פון פארלירן כח התשובה

אבער דו קענסט נאך אלץ אפילו לערנען דאס אז ס'איז נישט קעגן די פשוטו של מקרא, ווייל ירמיהו הנביא קומט מוסר'ן דעם מלך אז ער זאל זיך שנעל טוישן, ער זאל שנעל נישט מיינען אז ער קען פייטן מיט די גוים, נאר ער זאל דיעלן אנדערש. און א חלק פון די עונש איז דאס, אז זיי זאלן ווייטער שפעטן פון די נביאים, און טאקע פארלירן די כח צו קענען טון די ריכטיגע.

**Speaker 2:**

יא, ירמיהו הנביא וויל דאך זאגן פאר די נביאים אז ער זאל זיך ראטעווען, ער קען נאך ראטעווען פון די גזירה.

## Speaker 1:

ניין, אבער דער פסוק שטייט נישט דא אזוי, פארקערט, דער פסוק זאגט... לאמיר פארשטיין, ס'איז זייער פאני. די צוויי פסוקים וואס דער רמב"ם גייט ברענגען אין די נעקסטע שטיקל, די **"החזק את לב פרעה"**, איז ממש די פסוקים וואס דער רמב"ם איז זיך מתייחס. און דארט שטייט נישט די יסוד וואס דער רמב"ם איז זיך מתייחס צו טרעפן, אז ס'איז ווייל זיי האבן נישט געוואלט תשובה טון.

וואס שטייט אין די פסוקים? פארקערט, די אידן זענען אליין שולדיג, דער אייבערשטער האט געשיקט נביאים זיי אנצוווארענען, און זיי האבן נישט געפאלגט, זיי האבן נישט געוואלט תשובה טון. זיי האבן יא געקענט תשובה טון. דער רמב"ם דארף דא ערגעץ טרעפן אז זיי האבן נישט געקענט תשובה טון.

## Speaker 2:

רייט, **"עד לאין מרפא"** מיינט דאך אז ביז די לעצטע... יא, חבר'ל, דו זאגסט אז אפילו ווען זיי וואלטן נאך געקענט תשובה טון, האבן זיי שוין פארלוירן די כח תשובה צו טון. דאס הייסט, לאמיר זאגן, ירמיהו ווארנט אן צדקיהו און די אידן מערערע מאל, און אזויפיל מאל האבן זיי געשפעט פון אים, אז זיי האבן שוין פארלוירן די כח צו אים אנהייבן נעמען ערנסט. דאס איז געווען זייער עונש.

## Speaker 1:

עס קוקט אויס א פסוק פריער, א פסוק נאכדעם, שטייט דאך בפירוש, **"ויוקש בארפו"**, און צדקיהו האט זיך אליין מקשה געווען את ערפו, נישט אז דער אייבערשטער האט געפאדערט **"והחזק את לב פרעה"**. ס'שטייט נישט אזוי. ווען ס'וואלט געשטאנען אז דער אייבערשטער האט מחזק געווען די הארץ פון צדקיהו, וואלט עס שוין געווען אן עונש, וואלט דער רמב"ם געהאט א גוטע ראיה. אבער ס'שטייט נישט דאס. דער אייבערשטער האט געהאט פשוט אן אנדערע...

## Speaker 2:

די "לאין מרפא", די "לאין מרפא". אדער אזויווי דארטן שטייט **"פן ישוב ורפא לו"**. דארטן איז **"ורפא לו"** זייער קלאר. **"ורפא לו"** מיינט ער זאל קענען תשובה טון, און ער זאגט **"השמן לב העם הזה... פן... ישוב ורפא לו"**, ער זאל נישט קענען תשובה טון.

#### חילוק צווישן "נגזר דינו" און "נמנע ממנו התשובה"

## Speaker 1:

איך וואלט געטראכט, אפילו ער מעג פון תשובה, איז שוין אזויווי ס'איז א קאנצעפט פון "נגזר דינו". יא, ס'שטייט דאך אויך אין... אין... אין ספר... אין... די נביא קומט אויס אז... נישט אין ספר דברי הימים, דברי הימים שטייט לכאורה אנדערש, אבער אין... וויאזוי הייסט עס, אין ספר מלכים, קומט אויס אז בעצם שפעטער איז שוין געווארן בעסער, אבער די חטא פון מנשה איז נאך אלץ געבליבן, און צוליב דעם איז געקומען די חורבן. ס'איז דא אזא זאך אז ס'איז נגזר געווארן די דין.

דאס איז אבער נישט די זעלבע ווי דער רמב"ם. דער רמב"ם וויל זאגן אז די וועג וויאזוי ס'איז נגזר געווארן די דין איז דורך דעם וואס זיי האבן נישט געקענט תשובה טון. ס'איז אן אנדערע זאך.

#### דער רמב"ם וועגן פרעה — "ואני אחזק את לב פרעה"

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"לפיכך..."** איך מעג מורא זיין אז איך מיין אז די רמב"ם וואס דו האסט געזאגט איז ריכטיג, אבער די ראיה פון די פסוק זעט מיר אויס עפעס א שוואכע ראיה.

און ער זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"ולפי שחטא מעצמו תחילה"**, יעצט גייט דער רמב"ם ווייטער די באקאנטע פסוקים מיט די תורה פון פרעה. עס שטייט אין תורה **"ואני אחזק את לב פרעה"** אדער **"ואני אחזק את לבו"**. איז וואס איז דאס? איך גיי מחזק זיין דעם לב פרעה? דאס הייסט אז פרעה גייט מער נישט האבן די כח צו קענען תשובה טון?

#### "הבה נתחכמה לו" — רשעות ביהודה (מיט דעת)

זאגט דער רמב"ם... ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך, ווייל פרעה האט דאך צום סוף יא תשובה געטון. ער האט פארטריבן די אידן, ער האט ארויסגעטראגן די אידן. און די **"אחזק את לב פרעה"** איז אז ער זאל נישט ארויסטראגן די אידן. צום סוף צום סוף האט ער יא. דאס הייסט, דער אייבערשטער קען עס קאנטראלירן. ס'איז אינטערעסאנט. דאס הייסט, נאכדעם וואס ס'איז נגזר געווארן אויף פרעה, האט ער נאך געהאט. דער אייבערשטער האט צוריקגעצויגן די גזירת דין און אים יא געלאזט צום סוף. ספעציעל מיט די מדרשים וואס שטייט אז פרעה האט סורווייווד און תשובה געטון. אבער דאס איז שוין מדרשים.

אבער דאס וואס שטייט דא **"ואני אחזק את לב פרעה"**, זאגט דער רמב"ם, **"ולפי שחטא מעצמו תחילה"**, ער האט געזינדיגט, **"והרע לישראל שהם גרים בארצו"**, ער האט ווי געטון פאר די אידן וואס זענען געווען גרים אין זיין לאנד, **"שנאמר"**, און מיט דעם איז ער עובר געווען אויף די איסור פון **"ואהבתם את הגר"**, יא, די אלע זאכן, מ'דארף ליב האבן, מ'דארף זיין נייס צו אימיגראנטן.

**"שנאמר"**, ניין, איך גיי דאך ווייטער פון די גרים בארצו, **"שנאמר הבה נתחכמה לו"**, ס'שטייט אין פסוק אז דאס וואס ער האט געטון, **"הבה נתחכמה לו"**. דער רמב"ם זאגט זייער שיין, **"הבה נתחכמה לו"** איז א רשעות ביהודה. ער נוצט זיין חכמה, ער מאכט א דיסיזשען. ער מאכט א דיסיזשען, **"הבה נתחכמה לו"**, לאמיר טראכטן א סטראטעגיע מיט זיין רצון, מיט זיין בחירה, מיט זיין דעת, צו ווי טון די אידן.

#### די עונש איז נישט אויף אייביג — "עד שנפרע ממנו"

**"נתן הדין"**, דורך דעם קומט זיך אים אן יושר'דיגע עונש, ווייל ער האט עס געטון מיט א חכמה, מיט א דעת. **"נתן הדין"**, איז געקומען אויף אים דער דין, דער יושר, **"למנוע ממנו התשובה עד שנפרע ממנו"**, אוועקצונעמען די תשובה ביז מ'וועט קענען באקומען פון אים די עונש. די תשובה איז נישט געווען אויף אייביגס. איינמאל ער האט באקומען די עונש, ס'זאל קומען צען מכות, נאכדעם איז עס שוין גענענדיגט, ער קען שוין תשובה טון.

#### פרעה'ס "ירחק ברחם" מאמענט

## Speaker 2:

ניין, ס'איז אינטערעסאנט, ווייל דאס וואס מיר האבן פריער געשמועסט אז א מענטש פארלירט אסאך מאל די כח תשובה צו טון, און דאס איז א חלק פון זיין חטא, איז אויך דא דער "ירחק ברחם". פרעה האט עפעס געהאט עפעס א מאמענט פון "ירחק ברחם", וואס דעמאלט איז שוין געווען זיין עונש.

און דאן איז ער שוין נישט געווען ביכולת תשובה צו טון.

## Speaker 1:

ס'איז אינטערעסאנט, מענטשן אסאך מאל זינדיגן, און זיי פארלירן דעם כח צו סטאפן זינדיגן. ביי ערגעץ איז ווי א מאמענט פון... יא, דו רעדסט פון אדיקשאן, אבער אונז זענען אלע אין די סיטשועישאן אין אסאך וועגן.

#### דער רמב"ם'ס קשיא און תירוץ — פארוואס שיקט דער אייבערשטער משה צו פרעה?

#### "לפיכך, חיזק הקדוש ברוך הוא את לבו."

זאגט דער רמב"ם ווייטער: **"ולמה היה שולח לו ביד משה ואומר לו שלח ועשה תשובה?"**

אה, אונז האבן זיך געמוטשעט פארוואס אונז לערנען ערב פסח הלכות תשובה. דער רמב"ם זאגט, משה רבינו האט געטרייט א גאנצע צייט משיב זיין פרעה. ער האט געוואוסט אז דער אייבערשטער האט געזאגט אז ס'גייט נישט ארבעטן, אבער למעשה, דאס איז געווען די שליחות. ס'איז אזוי ווי

יעדער נביא, כל הנביאים, זאגט דער רמב"ם, כל הנביאים איז געבויט אויף תשובה. אויך די נבואת משה איז געווען צו טרייען משיב זיין פרעה.

**משה רבינו'ס שליחות אלס תשובה-שליחות**

אבער פארוואס? **"ולמה היה שולח לו ביד משה ואומר לו שלח ועשה תשובה?"** אויב אזוי, פארוואס שיקט ער משה רבינו צו פרעה א גאנצע צייט און ער זאגט אים, "יא, שיק ארויס די אידן און טו תשובה," ווען ער ווייסט דאך? **"וכבר אמר לו הקדוש ברוך הוא שאינו משלח."** דער אייבערשטער האט אים שוין געזאגט.

פאר משה רבינו אדער פאר פרעה אליין? דא ברענגט ער א פסוק וואס ער זאגט פאר פרעה אליין, אבער דער אייבערשטער האט פאר משה געזאגט גלייך אין אנהייב, **"ואני אחזק את לב פרעה."** ס'איז נישט... אבער דא ברענגט ער, **"ואתה ואביך ידעתי."** אה, איך מיין אז דער רמב"ם... טרם טרם... אה, אה, סארי, דער רמב"ם לכאורה דא... אה, ס'שטייט ווייטער, **"ובעבור זאת העמדתיך בעבור הראותך את כוחי"**. איך ווייס אז דו גייסט עס צוריקציען. **"ולמען ספר שמי בכל הארץ"**. ס'איז איין לאנגע זאך. **"ולמען ספר שמי בכל הארץ"** איז פאר דעם... אבער דער רמב"ם לייגט צוזאמען די צוויי פסוקים צו זאגן אז משה רבינו איז שוין אליין געווען דער קשיא, און ער האט שוין געענטפערט די תירוץ. און ער האט אויך געזאגט עס פאר פרעה. איך ווייס אז דו גייסט זיך צוריקציען פון די אידן, און איך גיי דיר מאכן אן עונש אויף דיר. **"ולמען ספר שמי בכל הארץ"** שטייט אביסל פריער, רייט? ס'דארף צו זיין. יא.

**חידוש אין פשט פון "ולמען ספר שמי בכל הארץ"**

זאגט ער, אינטערעסאנט. סאו וואס איז די פשט פון די סתירה? דער רמב"ם איז נישט מחלק צו ברענגען פסוקים לשעבר, אבער ער ברענגט... ס'איז א פארט פון די זעלבע... ממש די זעלבע פרשה. איינס איז פאר דעם, איינס איז א ווארט. עניוועיס, איז דאס די תירוץ. **"ולמען ספר שמי בכל הארץ"**, דאס איז די תירוץ פון די קשיא.

אין אנדערע ווערטער, **"כדי להודיע לבאי עולם"**, צו מודיע זיין פאר באי עולם, **"שבזמן שמונע הקדוש ברוך הוא תשובה לחוטא אינו יכול לשוב"**. צו מודיע זיין טאקע די הלכה, די זאך וואס דער רמב"ם זאגט דא, אז ס'איז דא אסאך מאל אן עונש פאר א חטא אז דער אייבערשטער נעמט אוועק די פטרונות פון תשובה, **"ואינו יכול לשוב אלא ימות ברשעו שעשה בתחלה ברצונו"**. ער וועט שטארבן מיט די רשעות וואס ער האט געטון בתחלה ברצונו.

און מיט דעם וואס משה רבינו איז געקומען דאס ארויסברענגען קלאר, מיט'ן קומען מוסר'ן און זען אז פרעה פאלגט נישט פאר די מוסר, זעט מען די זאך, אז ווייל פרעה האט בוכר געווען ברע, האט געטון רע ברצונו ברשעותו, איך האב שוין מורא פון נוצן די ווארט בוכר זיין, גייט ער טאקע נישט קענען. די אלע מאל וואס... ווייל אין די פסוקים איז עס זייער מאדנע, ער האט עונשים, ער האט דם צפרדע כנים, די אלע זאכן, די צח"דש באח"ב, און ער טוט נישט תשובה. און מיט דעם וואס משה רבינו קומט די גאנצע צייט אים זאגן ער זאל טון תשובה און ער קען זיך נישט העלפן, זעט מען דא זייער קלאר אז דאס איז וואס פרעה האט געליטן פון די סינדראם פון די פארלירן די רשות של אדם.

**חידוש — די לעסאן פון פרעה איז הלכות תשובה בכלל**

לאמיך קלאר מאכן עפעס, ס'גרידזשעט מיר עפעס. אין אנדערע ווערטער, איך האב געמיינט אמאל אז די **"ובעבור זאת העמדתיך"** מיינט צו זאגן אז דער אייבערשטער האט געוואלט מאכן אן עקזעמפל פון פרעה און וואס געשעט **פאר** ווער ס'זינדיגט אזוי פיל אז זיי קענען נישט מער תשובה טון.

דער רמב"ם זאגט ניין. דער אייבערשטער האט געוואלט מאכן אן עקזעמפל פון פרעה וואס געשעט **ווען** ווער ס'זינדיגט אזוי פיל אז ער קען נישט תשובה טון.

די אנדערע לעסאן. די לעסאן איז הלכות תשובה בכלל, נישט הלכות וידוי פון די אידן. ס'איז נישט פשוט פשט. פשוט פשט שטייט **"למען ספר את כחי"**. ניין, דער רמב"ם זאגט, ווייל אויב יענץ איז די קושיא שווער וויאזוי דער רמב"ם ברענגט עס נישט. איינמאל מ'איז מסביר אזוי, איך ווייס נישט פונקטליך, ס'פעלט נישט אויס די גאנצע... אויך האט דער רמב"ם, דער אייבערשטער מאכט א גזירה, ס'איז אויך שווער וואס דער רמב"ם האט פריער געפרעגט. דער רמב"ם האט פריער געפרעגט, ער זאגט אזוי, ס'איז אופן אחר לקיים מצות תשובה.

**הלכות תשובה פרק ו — המשך: דוגמאות פון מניעת תשובה כעונש**

**סיחון מלך חשבון**

**דער רמב"ם'ס ווערטער: "וכן סיחון, לפי עונות שהיו לו נתחייב למנוע ממנו התשובה, שנאמר כי הקשה ה' אלקיך את רוחו"**

די אנדערע לעסן איז די הלכות תשובה בכלל, נישט די הלכות וויאזוי צו הארגענען אידן. ס'איז נישט פשוט פשט. פשט שטייט "למען ספר שמי", ניין. דער רמב"ם זאגט ווייל אויב יעצט, ס'איז א קשיא אויפן רמב"ם, וואס דער אייבערשטער האט אים געדארפט שטראפן איין מאל מער. איך בין שוין פונקטליך, ס'פעלט נישט אויס די גאנצע... אויך האט דער אייבערשטער געמאכט א גזירה. ס'איז אויך שווער וואס דער רמב"ם האט פריער געפרעגט. דער רמב"ם האט דאך פריער געזאגט א יסוד, וואס אויב א נביא קומט דיר זאגן תשובה טון, און דער פשט איז אז דו קענסט נישט, איז וואס טוט דער נביא? דער נביא קומט, לאודיע דער יסוד אז אמאל קען מען נישט תשובה טון.

**דיגרעסיע: שבת הגדול און שבת תשובה — צוויי חלקים פון תשובה**

ס'איז זייער אינטערעסאנט, ס'איז דא שבת הגדול און שבת תשובה, ביידע זענען דרשות וואס דער רב גייט א דרשה, אבער שבת הגדול איז אויך תשובה. ווייל וואס רעדט מען? מען רעדט וועגן די אלע מכות. וואס איז די אלע מכות? ס'איז א פרק אין הלכות תשובה. דאס איז נאך מער מעורר זיין. ווייל א גוטע פשט וואס מען קען זאגן, א שבת הגדול זאגט מען אז וואס ווענדט זיך נאך אין בחירה חפשית של האדם אז ער זאל תשובה טון? פארקערט, ס'איז תשובה. א שבת הגדול רעדט מען פון די זאכן וואס זענען נישט ברשותו של אדם. קודם כל דארף מען וויסן דעם טעם, און צווייטנס, מען דאנקט אויף דעם.

וואס האט דער אייבערשטער אונז ארויסגענומען פון מצרים? אז ער האט אונז געגעבן די אפארטוניטי צו זיין פארקערט, דאס איז דאך דער נס, אז מיר קענען יעצט יא תשובה טון. דאס איז דאך טאקע פארקערט, אזוי ווי דער רמב"ם גייט זאגן. מען זאגט אים, אויב האסטו נישט אויסגעהערט די שבת תשובה דרשה... ניין, אין חסידישע ספרים שטייט אז דאס איז מער התעוררותא דלעילא. אבער וואס מיינט התעוררותא דלעילא אין דעם רמב"ם'ס וועגן? אז אמאל דער אייבערשטער גיט א מענטש אן אפארטוניטי, ער גיט אים די סייעתא דשמיא, די שכל, אדער די חיצוניות'דיגע טרייב. דורך דעם קען ער יא תשובה טון. דאס איז דאך יציאת מצרים.

וואס איז יציאת מצרים? אז יעצט האבן מיר יא א געוויסע מעגליכקייט צו זיין בעסער. ס'איז די הנאה, ס'איז מעשה ה', נישט מעשה בני אדם. ס'איז נישט די בחירה, ס'איז די חלק פון תשובה, אבער דאס איז די הודאה פון די צען מכות וכו'. ס'איז אויך שוין א שבת הגדול דרשה אויך.

**צוריק צו סיחון — די קשיא פון "למען תתו בידך"**

רבותי, ווער ס'לערנט נאר חומש אזוי ווי אונז וואס מיר גייען אין חדר, וואס מיר זענען נישט מקיים די הלכה פון לערנען די גאנצע נביאים וכתובים, ווייסט נישט אז פרעה איז נישט געווען דער איינציגסטער וואס ס'שטייט "ויחזק ה' את לב". ער וועט ברענגען נאך פון חומש. אמת, ס'איז דא נאך א פסוק אין חומש, און איך וועל אים געדענקען נישט יעצט, אבער ס'איז דא. אקעי, ס'וועט זיין ערגער. ס'איז געווען אט ליעסט צוויי נאך מענטשן וואס ס'שטייט אויף זיי אין ערנסטן פסוק די זעלבע לשון אז "הקשו את רוחם" וכדומה. דאס זענען סיחון און די כנענים בימי יהושע, דאס איז דאך ביי די פסוקים וואס שטייט די זעלבע זאך.

גייט דער רמב"ם זאגן די זעלבע תירוץ אויףביידע. דער רמב"ם זאגט, **וכן סיחון, לפי עונות שהיו לו נתחייב למנוע ממנו התשובה.** ער זאגט א גאנצע, ער זאגט נתחייב. דאס הייסט די עבירות זענען געווען אזעלכע מיני עבירות וואס האט געברענגט די רעזולטאט אז די עונש אויף דעם דארף זיין אוועקצונעמען פון אים תשובה. נתחייב מיינט אזוי ווי די נושא, רייט? די זעלבע לשון. נתחייב מיינט אז ס'האט גע'קאזד. די עבירות האבן גע'קאזד למנוע התשובה. לויט מיין משמעות, אדער אפשר מיינט נתחייב אז ער איז נתחייב געווארן? נתחייב שכר ועונש זיין. אקעי. **לפי עונות שהיו לו נתחייב למנוע ממנו התשובה, שנאמר "כי הקשה ה' אלקיך את רוחו".**

אבער וואס איז דא די וואילע? וואס דו פרעגסט וויאזוי שטימט דאס? נאר ס'איז א הוכחה מיט די זעלבע מהלך פון ביז יעצט, אז ס'איז געווען א רעזולטאט פון זיינע עבירות.

**Speaker 2:** יא, וויאזוי איז די תירוץ הגם אויף פרעה איז, דער רמב"ם ברענגט א גוטע ראיה פון נבוכדנצר, אבער אויף סיחון ווייסן מיר נישט קיין מער אינפארמאציע וועגן וואס איז געווען זיין עבירה. און אויך אין די פסוק שטייט אן אנדערע סיבה. די פסוק שטייט "למען תתו בידך".

**Speaker 1:** סאו, אין עני קעיס, דאס איז נאך א נקודה. איך בין נישט זיכער אז דער רמב"ם איז גערעכט פון פשטות פון די פסוק אויך. אבער דו זאגסט אז ס'טוט זיך שלאגן מיט'ן רמב"ם. מעג איך פרעגן?

**Speaker 2:** ס'שטייט דאך ביי פרעה זעט מען קלאר די מעשה, דער אייבערשטער האט געוואלט מקבל זיין תשובה, ער האט געוואלט מחילה זיין.

**Speaker 1:** אקעי, הער איך וואס דער רמב"ם זאגט. אקעי, דאס איז נישט די זעלבע נושא. אקעי, איך זאג דיר נאר אז ס'איז נישט אזוי פשוט אין דער רמב"ם'ס פשט.

#### תירוץ: צוויי חלקים – תכלית און אופן

**Speaker 2:** וכן הכנענים, יא? דאך מצרים איז דאך אויך געווען די עיקר תכלית "למען ידע כל עמי הארץ", "למען תספר באזני בנך ובן בנך".

**Speaker 1:** אבער די חלק הדעת אז ער האט פארלוירן זיין רשות צוריקצודרייען, אויף דעם איז דא די ענטפער. די זעלבע זאך איז מיט סיחון. דער ענטפער איז דא וואס גייט זיין אז די אידן גייען באקומען זיין שטח. אבער דאס אז ער האט נישט געענטפערט, וויאזוי שטימט דאס? ווייל ער האט געטון עבירות און נתחייב למנוע ממנו התשובה. אפשר קען מען האלטן דעם קאפ אויף מער ווי איין זאך אויפאמאל...

#### הכנענים בימי יהושע

איז אזוי, יעצט איך לייען דעם רמב"ן.

**Speaker 2:** ניין, דער חרם... אבער וויבאלד דער רמב"ן, כדי דארט, דארט האט דער רמב"ן געזאגט, דער רמב"ן האט איבערגעטייטשט דארט, זיי האבן שוין געקענט ברענגען די פריערדיגע סיבה. דער רמב"ן האט זייער הדיעה איז לאו הדיעה דעת. אנדערש ווי עס שטייט די פסוק, קען עס אבער at least האט ער עס איבערגעטייטשט somehow. אפשר דאס אויך אז מען זאל...

**Speaker 1:** דאס זאגט דער רמב"ן ווייטער, **"וכן הכנענים, הכנענים מימי יהושע**, יא, די זעלבע זאך, **פיתה אותם וסייעם בעבור תועבותיהם ועוונותיהם, שהיו מונעים מהם התשובה עד שעשו מלחמה עם ישראל".** מיינט ער לשון דא וואס איז אינטערסאנט. עס הייסט אזוי ווי דו האסט נארוואס געזאגט, מען האט זיי געמנע געווען תשובה ביז זיי זאלן האבן א מלחמה, האבן זיי פארלוירן די מלחמה. אנדערש וואלטן זיי געקענט תשובה טון פארדעם, וואלט נישט געלונגען די גאנצע פלאן פון ספר יהושע. יא, **"עד שעשו מלחמה עם ישראל, ונענשו כי מעשה השם היתה זאת להחזיק את לבם לקראת המלחמה את ישראל למען החרימם".**

עס איז אינטערעסאנט, ווייל דארט שטייט קלאר, דארט שטייט "למען החרימם", דארט שטייט "לא הותירו עיר אשר השלימה אל בני ישראל". דאס הייסט, עס וואלט געווען אן אפציע פאר זיי, אז זיי וואלטן געקענט מאכן שלום, תשובה טון, וואלט עס געווען גוט פאר זיי. אבער דער אייבערשטער האט נישט געוואלט, דער אייבערשטער האט דוקא געוואלט זיי זאלן פארלירן די מלחמה, ווייל זיי האבן שוין גע'זינדיגט אזויפיל פארדעם, וואלט עס געווען אן אפציע...

קענסט עס אויך זאגן אביסל מער, דער וועג וויאזוי איך האב עס געלערנט, אז קלוג פון זיי וואלט געווען אז זיי זאלן איינזען די סיטואציע און יא, עטליסט זאלן זיך מאכן אפאר שטעט וואס זאלן מאכן א דעסיזשען אז ס'לוינט זיך שלום צו מאכן. נו, פארוואס נישט? איז ער געווען אז דאס איז געווען א חלק פון זייער עונש, ווייל זיי האבן געווען ביז יעצט תועבות. דער רמב"ן זאגט אז תועבות, אפשר האבן זיי נאך נישט עכט... די מלחמה איז געווען די אנהייב פון זייער עבירה אנטקעגן די אידן, אבער זיי האבן געהאט אנדערע תועבות. ער זאגט דאך תועבות, עבודה זרה. זיי האבן געהאט תועבות פון עבודה זרה, אנדערע תועבות. אבער ביז יעצט איז עס געווען מניעה בעדן, זיי האבן נישט געווען מניעה בעדן. זיי האבן אויך דעם שוואלן געפייט מיט די אידן, ווען זיי האבן דעם "החרימם". אבער סוף כל סוף, זיי זענען געווען אין א קאנדישן, זיי זענען געווען פארדעם אין עפעס א מצב דאס דאס געטון.

מען קען דאס זען די חכמה פון די ריאליטי, אז ס'איז דא א פאלק וואס זיי גייען זיך אריין אין עפעס אן עקשנות, עס האט עפעס א גאנצע מעשה פארוואס, און דער חטא וואס איז מונע זיי פון תשובה טון.

**Speaker 2:** דו מיינסט איראן? איך מיין נישט אז מ'דארף קיינעם.

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ן ווייטער, "וכן ישראל..." איך ווייז נאר אז עס איז א נארמאלע זאך.

**Speaker 2:** דער אייבערשטער זאגט שוין, נאר עס איז נישט ביי א מדינה, נאר ביי א מענטש. א נארמאלע זאך, ער גייט אריין אין עפעס א מהלך וואס ער ווערט פארנארט. מעשה בכל יום, מענטשן וואס קומען צו מיר, ער שלאגט זיך שוין מיט זיין ווייב פאר צען יאר, און דער עונש פון דעם איז אז ער גייט זיך שלאגן מיט איר פאר נאך צען יאר.

#### ישראל בימי אליהו

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם, **"וכן ישראל ומאי אליהו".**

יא, די זעלבע זאך. "ישראל", די אידן אין די צייטן פון אליהו הנביא... יא, ס'איז א שווערע פסוק, "ישראל ומאי אליהו". דארט אין די מעשה מיט אחאב, יא, איז "ומאי אליהו"? וואס האבן זיי געטון אזויפיל פשע, אזויפיל געזינדיגט? "מונע מהם התשובה". דהיינו, **לפי שהרבו לפשוע**, האט דער אייבערשטער מונע געווען תשובה, **שנאמר "ואתה הסבות את לבם אחורנית".** אליהו זאגט צום אייבערשטן, "דו האסט איבערגעדרייט זייער הארץ אחורנית", אנשטאט זיי זאלן גיין פאראויס, זאלן תשובה טון, זאלן זיך עפענען די אויגן. **כלומר, "מנעתם מן התשובה".** דאס איז געווען זייער עונש פאר זייער ריבוי חטאים.

#### דער רמב"ם'ס מסקנא – "נמצאת אומר"

אקעי. **נמצאת אומר, שאין הקב"ה גוזר על פרעה להרע לישראל.** דער אייבערשטער האט נישט גוזר געווען אויף פרעה ער זאל שלעכטס טון פאר אידן, ווייל דאס וואלט געווען א גרויסע קשיא. ניין, פרעה האט אליין שלעכטס געטון פאר אידן, ער איז אליין בורר געווען, און ער האט אליין בדעת געטון.

**Speaker 2:** אה, סיי ביז ווען די ערשטע מאל האט ער...

**Speaker 1:** **"אלא לאורך כל הדרך".** נישט פשט אז קודם האט ער אליין געטון און נאכדעם האט ער געווען געצווינגען. ניין, א גאנצע צייט. איי, פארוואס האט ער אליין נישט תשובה געטון? דא איז שוין דא אפשר א הרגל וואס האט אים מונע געווען. אבער א גאנצע צייט איז ער אליין שולדיג.

#### דיסקוסיע: דער חילוק צווישן בחירה, רצון, און אונס – דריי סטעידזשעס

**Speaker 2:** אזוי ווי מ'פרעגט די קשיא, זיי האבן גערעדט וועגן דעם... כ'האב יעצט... זיי האבן גערעדט פאר שמונה פרקים די קשיא, אויב מ'זאגט אז יעדע מאל איז א הרגל, איז די צווייטע מאל דארף שוין דער מענטש נישט זיין שולדיג. ס'איז דאך אחרונים וואס זיי שרייען וועגן דעם, יא? אויב א מענטש איז דאך נאר חייב ווען ער איז בורר, יא, דאן איז פארוואס די צווייטע מאל ער טוט די זעלבע זאך באקומט ער אן עונש? ער האט דאך נישט קיין בחירה.

**Speaker 1:** דער תירוץ איז דאך, דאס איז דער תירוץ, דער חילוק פון בחירה און ברצון ובדעת. קען זיין ער איז נישט בורר געווען, אבער ס'איז נאך אלץ ברצון. ער האט זיך אליין געמאכט אזא מענטש, ער האט זיך געמאכט אזא מענטש וואס טוט יעצט מיט דעת און מיט רצון דאס. ס'איז דאך א גאנצע צייט האט ער ברצון. דאס איז פשט וואס שטייט אז ס'איז ברצון.

דער אייבערשטער שטייט "הקשה את לבו" איז נאר אז ער איז שוין געווען אין אזא סטעידזש וואס ער האט שוין נישט געקענט צוריקגיין.

אבער ס'איז זייער אינטערעסאנט, די סטעידזשעס וואס דו זאגסט איז זייער שיין געזאגט. לאמיר זאגן, די ערשטע צען מאל וואס א מענטש טוט עפעס איז ער בוחר. די צווייטע דרייסיג מאל איז ער שוין ברדתו ורצונו. און די לעצטע דרייסיג מאל איז ער שוין, דאס איז שוין די עונש, מ'קען שוין נישט צוריקדרייען.

אבער אלעס איז ברדתו ורצונו. ס'קען נישט זיין אונס. אפילו ווען ס'שטייט "הקשה את לבו", מיינט נישט אז ס'איז געווארן אן אונס פון א געוויסע סטעידזש. ער איז נאך אלץ געווען ברדתו. נאר סך הכל, ווען דו קוקסט פון אינדרויסן קענסטו זען, ער איז שוין אין א סטעידזש וואס איז זייער שווער צוריקצוגיין, אדער ער קען בכלל נישט צוריקגיין.

### דער רמב"ם'ס סיכום

דאגעגן, אומות העולם, **"כי לא גזר על פרעה להרע לישראל, ולא על סיחון לחטוא בארצו, ולא על הכנענים להתעיב בארצם"** – ס'איז אינטערעסאנט, "להתעיב" איז א לשון פועל, צו טון תועבה, עוסק זיין אין תועבה און שמוץ, זיך פארשמוציגן מיט תועבה, איך ווייס, גמיינהייט – **"ולא על ישראל לעבוד עבודה זרה, אלא כולם חטאו מעצמם ונתחייבו כולם"**. און פון זייער חטא איז ארויסגעקומען די רעזולטאט, און זיי זענען געווארן מחויב **"לפיכך מנע מהם התשובה"**.

דא איז יא משמע אז ער רעדט פון די ערשטע סטעידזש, "לחטוא בארצו", ווייל נאכדעם וואס ס'איז שוין "לחטוא בישראל", איז עס שוין יא אפשר געווען די "מנע מהם התשובה".

### אנהייב פון דער צווייטער חלק – תפילה אויף תשובה

יעצט, האט מען געענדיגט מיט די חלק הרע, מיט דעם וויאזוי א מענטש זינדיגט אזוי סאך און ער פארלירט די רשות של אדם צוריקצודרייען און אנהייבן טון גוט. אבער יעצט גייט דער רמב"ם רעדן וועגן די פארקערטע חלק, ווען מ'זעט אזוי אפט אז מ'בעט דעם אייבערשטן, "זאלסט מיר אוועקנעמען חטא", "דער אייבערשטער זאל מיר מאכן אז איך זאל זיין א צדיק". וויאזוי קען א מענטש בעטן אז דער אייבערשטער זאל אים מאכן פאר א צדיק?

זייער גוט, ס'איז זייער אינטערעסאנט. ס'איז דא פארשידענע קשיות. דער רמב"ם ברענגט פסוקים הרבה. נאר, איין סארט קשיא איז דאס וואס מ'טרעפט מפורש'ע פסוקים וואס זאגן אז דער אייבערשטער האט געמאכט מענטשן שלעכט. ער הייבט אן מיט יענץ, ווייל יענץ טוט מער ווי פאר מענטשן, ס'איז מער פעינפול פאר מענטשן צו לערנען. אבער איך מיין אז די צווייטע חלק איז נאך נישט מער. וויפיל תפילות אין תהלים, "רפאני ה' וארפא", יא.

### קשיות פון חזון איש און שם משמואל

דער חזון איש פרעגט די קשיא אין זיין "אמונה ובטחון". דער חזון איש זאגט, וויאזוי קען זיין אז א מענטש זאל מתפלל זיין צו ווערן בעסער? און נאך מער פרעגט דער שם משמואל, וויאזוי קען א מענטש מתפלל זיין אז א צווייטער זאל תשובה טון? מילא זיך אליינס, קען מען זאגן אז ס'איז א חלק פון די בחירה. תשובה טוט, און ער מישט זיך, ער זאגט אז עס מוז זיין אז אויך זיין חלק מיט תשובה, ווי אפט זעט מען אז מ'תפאל אויף א יענעמ'ס תשובה? זעט נישט. ווי נו הנחל ויצצונו אינו וקלנו יודא שמיכל. אה, מענטשן זענען מיטשפאל אויף זיינע קינדער. מ'תפאל אויף זיינע קינדער, מ'תפאל אויף קינדער, איז נישט קיין עסניי זאך. מ'תפאל בליבן נינדעריכער אין די עובד און ריסח.

### תפילה אויף תשובה און די גבולות פון בחירה חפשית

**די קשיא: וויאזוי קען מען זיך מתפלל זיין אויף יענעמ'ס תשובה?**

**Speaker 1:**

און נאך מער איז אים שווער, וויאזוי קען א מענטש זיך מתפלל זיין פאר א צווייטן זאל תשובה טון? מילא זיך אליין, קען מען זאגן דאס איז א חלק פון די בחירה, תשובה טוט ער. אבער ער זאגט אז ס'מוז זיין אויף די חלק פון תשובה. וויאזוי קען א מענטש זיך מתפלל זיין אויף יענעמ'ס תשובה? זעט נישט.

**Speaker 2:**

"ויהי נועם ה' אלוקינו עלינו ומעשה ידינו כוננה עלינו", מענטשן זענען מתפלל אויף קינדער. איי, מען איז מתפלל אויף זיינע קינדער, מען איז מתפלל אויף קינדער זאלן נישט קיין עבירה טון. "ותן בליבנו לעבדך באמת", דאס איז ממש א טאג טעגליכע זאך. "השיבנו אבינו לתורתך וקרבנו מלכנו לעבודתך".

### דער רמב"ם'ס תירוץ: תפילה אויף דרך האמת

**Speaker 1:**

איז אבער דער רמב"ם האט טאקע שווער געווען די קשיא, און דער רמב"ם זאגט אן אנדערע תירוץ פון די חזון איש'ס תירוץ. דער רמב"ם האט געזאגט, וואס זאגט דער רמב"ם? **"בענין הזה שאלו הנביאים והצדיקים בתפילותיהם מהשם"**. אה, דער רמב"ם איז מודה אין די פראבלעם. דוד המלך, מילא איינער איז מתפלל קעגן די יצר הרע, די יצר הרע שטופט זיך מיט דיר. אבער ס'שטייט דאך "חנה תפילה בנביאים", דוד המלך האט געזאגט, און די נביאים זענען איז גערעכט. בעטן פון די אייבערשטער **"לעזרם על דרך האמת"**, זיי צו העלפן אז זיי זאלן קענען גיין בדרך האמת. **"כמו שאמר דוד, הורני ה' דרכך"**. ווייז מיר דיין וועג.

### ביאור דעם פסוק "הורני ה' דרכך"

**Speaker 1:**

**"כלומר"**, אה, ער זאגט א טייטש אין רמב"ם, וואס איז די טייטש אין רמב"ם. נישט פשט, גראדע די לשון איז בכלל נישט קיין סתירה, "הורני ה' דרכך" זאגט נישט אז ער זאל נישט האבן די יצר הרע. אבער "הורני ה' דרכך" מיינט "דרך האמת", דאס איז דאך א זייער ברייטע זאך. "הורני ה' דרכך, אהלך באמתך". אפשר מער די צווייטע. מאך די וועג אז איך זאל זיין א "אהלך באמתך". איי, איך דארף דאך אליין זיין א "אהלך באמתך". וואס מיינט ווייז מיר די וועג? דו ווייסט דאך אליין, דו ביסט א מענטש, ער רעדט נישט פון נסיונות, וואס דו ווילסט פון די אייבערשטער? אויף לגבי דעות, אויף לגבי פארשטיין זאכן.

איך מיין די ווארט "דרכך" איז זייער גוט, ווייל ער האט אנגעלערנט אז די גאנצע זאך פון "דרכך" מיינט די גילוי אין מדות, דרך הטובה, דרך הממוצע, און אזוי ווייטער. **"כלומר"**, זאגט ער, **"אל ימנעוני חטאי דרך האמת"**. ער בעט די אייבערשטער, מיינע חטאים זאלן מיר נישט שטערן פון די דרך האמת. אזוויי איך האב געזאגט ביז יעצט לגבי חטא, אדער ווי לגבי פרעה. בעט דוד המלך, באשעפער, העלף מיר אז **"אל ימנעוני חטאי דרך האמת, שממנו אדע דרכך ואייחד שמך"**. ווייל פון די דרך האמת וועל איך וויסן דיין וועג און אייחד שמך.

דאס איז אפשר די הלך ביים מתוך, וואס איז די אמת, נישט נאר די דרך.

### תפילה איז אויף דעם חיצוני'דיגן — נישט אויף בחירה עצמה

### Speaker 1:

סאו, מען מוז פארשטיין אז דאס איז די ווארט, ס'איז דאך דא שוין א סיטואציע ווען עס איז שוין אן ענין פון... אז עס איז שוין אן אוטסייד דעם מענטש א געוויסע, שוין נישט ברשותו, עס איז נישט נאר, דא מוז מען זאגן אז אזוי ווי איך האב געלערנט אז דער מהלך פאסט נישט עפעס מאדנע מעשה, עקסטרעמע עונש, עפעני עונש, קען זיין א מחיר, א נארמאלע סדר, אודאי מוז דאס. רייט. אבער דעם דארף מען כסדר אז איך זאל באקומען בעסערע הרגלים אז מיינע חטאים... דאס הייסט איך האב זיך שוין געטוישט, רוב מענטשן האבן זיך שוין געהאט געוויסע... אזוי ווי דער רמב"ם זאגט אין דעות, רוב מענטשן האבן זיך שוין געהאט געוויסע שלעכטע מדות, זאל ס'איז נישט מניע זיין אז עס זאל נאך אמאל טראכטן א וועג ארויס. אבער ניין, נאך אמאל פארקערט, אויב עס איז אן עונש ממש שטימט עס בעסער, אויב עס איז א רגילות איז אויך אינטערעסאנט, ווייל די רגילות אליינס איז עפעס וואס איז בדעה וברצון, וויאזוי קומט דא תפילה?

### Speaker 2:

אמת, אבער ער זאגט, עט סאום פוינט די רגילות איז שוין נישט... די רגילות איז שוין אן ענין פון א טבע, ס'איז שוין געווארן דיין טבע, הרגל נעשה טבע. איז, און דא זאגט דער רמב"ם עפעס אינטערעסאנט, אז עס קען זיין אזוי, עס קען זיין אז ס'איז דא, וואס מיינט אז דער אייבערשטער גייט העלפן מיט תפילה? נאר סתם אזוי פרעגן, וויאזוי תפילה ארבעט? איך ווייס נישט. האוועווער תפילה ווארקס, ס'ארבעט זיכער נישט אויף דעם וואס א מענטש דארף אליינס טון. רייט. דארט איז אז די תפילה איז אויף דעם וואס איז שוין א דבר חיצוני, שוין מעשה השם. וואס איז מעשה השם? אז דאס איז א מענטש. דער אייבערשטער קען מאכן, דא זאגט ער עפעס פאר דער אייבערשטער, דער אייבערשטער קען מאכן אז א מענטש סאמטיימס אזוי ער זאגט ער האט געהאט א פסיכא... עקספיריענס וואס האט אים געהאלפן. רייט, רייט. די אינדרויסנדיגע זאכן וואס געשען צום מענטש. אפילו אינעווייניג, ער באקומען א פסיכא...

**ביאור דעם פסוק "ורוח נדיבה תסמכני"**

### Speaker 1:

אבער דער לשון דא איז זייער שיין, ווייל דוד בעט "הורני ה' דרכך אהלך באמיתך", וואס ביידע מיינען זען אמיתת השם, זען דעם אייבערשטן, זאגט ער, חטא זאל מיך נישט צוריקהאלטן פון טון, פון גיין אויף די דרך, וואס פון דארטן, אויב מען איז א לאנגע צייט אויף די דרך, דעמאלטס ווייסט מען דרך השם. אבער די ווארט איז, אז עס זאל נישט אריינגיין אין די סליפערי סלאופ פון חטאים וואס ברענגט רגילות וואס ברענגט מען זאל זיך שוין נישט קענען צוריקדרייען. רייט.

"וחיישינן שמא..." נאך א פסוק וואס דוד זאגט זייער ענליך, **"ורוח נדיבה תסמכני"**. א גוטע רוח, א רוח פון נדיבה זאל מיך אנהאלטן.

### Speaker 2:

שלום ער... דו האסט געמיינט אז די רוח מיינט דער אייבערשטנ'ס רוח.

### Speaker 1:

ניין, דער רמב"ם טייטשט מיינט אן אנדערע... **"כלומר תניח רוחי לעשות חפצך"**.

און ס'איז דא א וועג וואס אפילו אויב מיין רוח וויל טון גוט, אבער ס'איז דא א זאך וואס איך בין שוין רגיל אין חטא, איך בין שוין אין אזא מצב "ואיך אעשה תשובה והלא אני רגיל בחטא זה, והחטא אלימות נועייני התשובה", **"אלו תהיה הרשות בידי אכריח את עצמי ואחזור ואעמוד בדרך האמת"**. סאו, אין אנדערע ווערטער, ס'מיינט נישט די האבן געמיינט וואס האבן געזאגט אז די תפילות מיינט אז א מענטש זאל מבטל זיין די רשות פון יד הקב"ה, ניין, פארקערט. די תפילות איז אז א מענטש זאל האבן מער רשות. ווייל וואס מאכט אז א מענטש ווערט סטאק און ער האט שוין נישט קיין רשות, ער איז שוין סטאק אין זיינע עבירות? זאגט דוד, "תסמכני", לאז אז מיין רוח זאל דוקא יא האבן רשות.

**חידוש: תפילה מיינט צוריקגעבן די בחירה — נישט אוועקנעמען**

### Speaker 2:

סאו, וויפיל מ'איז מתפלל אויף זיין גוט, מיינט מען נישט מתפלל זיין אז דער אייבערשטער זאל אוועקנעמען די בחירה, מ'איז מתפלל אז דער אייבערשטער זאל צוריקגעבן די בחירה. זייער גוט. לאזן די בחירה אדער צוריקגעבן די בחירה, יא. סארי, די רשות.

**"טוב וישר ה' על כן יורה חטאים בדרך"**

### Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"ועל דרך זו כל הדומים לפסוקים אלו"**. זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"ומה זה שאמר דוד"**, ער ברענגט נאך א פסוק וואס איז אביסל נאך שווערער, ווייל דארט רעדט מען צו אנדערע, וועגן אנדערע מענטשן. דוד המלך זאגט אזוי, **"טוב וישר ה' על כן יורה חטאים בדרך"**, ער איז מורה חטאים בדרך, **"ידרך ענוים במשפט וילמד ענוים דרכו"**. ווייל דער אייבערשטער איז גוט, ווייזט ער חטאים די ריכטיגע וועג, און ער איז מדריך ענוים מיט די ריכטיגע משפט, און ער לערנט אויס די ענוים די דרך ה'. איז וואס איז דאך פשט? א מענטש זאל דאך אליין בוחר זיין די גוטע וועג, נישט דורך עפעס "ידרך" אז דער אייבערשטער זאל מורה זיין. דאס איז שוין אפשר א גרעסערע קשיא, ווייל דא שטייט אז דער אייבערשטער פירט מענטשן, און דער אייבערשטער פירט נישט מענטשן.

**צוויי וועגן פון "יורה חטאים בדרך"**

### Speaker 1:

זאגט ער, **"אין הכוונה שלא יוכלו לבחור ברע"**, ס'מיינט נישט צו זאגן אז א מענטש זאל נישט קענען זיין בוחר זיין ברע, אז דער אייבערשטער זאגט "יורה חטאים בדרך" אז זיי זאלן נישט קענען בוחר זיין ברע. ניין. נאר זיי באקומען אן "אוטסייד" פוש, זיי באקומען אן "אוטסייד" הילף. **"שהוא שולח להם נביאים"**, דער אייבערשטער שיקט נביאים וואס זענען **"מודיעים להם דרכי ה' ומחזירים אותם בתשובה"**. דאס איז וואס ער זאגט דא, אז "טוב וישר ה'", און ממילא האט ער געגעבן א כח פאר נביאים צו קענען מדריך זיין אנדערע אידן. **"ועוד שנתן בהם כח ללמוד ולהבין"**, איסער וואס ער האט געגעבן פאר א מענטש נביאים, האט ער געגעבן פאר א מענטש א כח צו אליין זיך מחזיר בתשובה זיין.

דורך לערנען און פארשטיין. **"שמדה זו בכל אדם, כל זמן שהוא נמשך בדרכי החכמה והצדק"**, אז ווי לאנג ער ווערט נמשך, ווי לאנג ער האט נאך א חשק און א משיכה צו דרכי החכמה והצדק, צו לערנען די ריכטיגע וועגן, **"איז הוא אוהבם ורודף אחריהם"**, האט ער עס ליב און ער לויפט עס נאך. סאו דאס זאגט ער, די טובה און די יושר פון אייבערשטן איז אז ער האט די צוויי וועגן פון מודיע זיין חוקיו ודרכיו, אדער דורך נביאים, אדער דורך די טבע פון דרכי החכמה והצדק, אז ס'פירט מענטשן צו טון מער צדק און צו תאוה'ן פאר מער צדק.

**"הבא ליטהר מסייעין אותו"**

### Speaker 1:

זאגט ער, **"וזהו שאמרו חכמים"**, און דאס איז וואס די חכמים זאגן, **"הבא ליטהר"**, אז א מענטש קומט זיך אליין ליטהר, זייער שיין, ליטהר, זיך אליין מטהר זיין, **"מסייעין אותו"**. נישט אז דער וואס איז מסייע גייט אים מטהר זיין, נאר הבא ליטהר, א מענטש וויל זיך אליין מטהר זיין, דאס ברענגט ער אלס א ראיה, מסייעין אותו, **"כלומר ימצא עצמו נעזר על הדבר"**. דאס מיינט נישט אז דער אייבערשטער גייט דיר העלפן, וואס ס'מיינט איז אז די טבע איז אז ס'וועט זיך טרעפן מיט הילף, אדער דורך די נביאים, אדער דורך די דרכי החכמה והצדק, אז ווען א מענטש זוכט זיך מטהר צו זיין, גייט ער טרעפן די כוחות, גייט ער טרעפן די אומשטענדן, די אפערטוניטיס, צו ווערן געהאלפן מיט זיין וועג פון זיך מטהר זיין. אזוי ווי די זוהר, דער רמב"ם,

נישט דער רמב"ם, דער מדרש הנעלם זאגט, הבא ליטהר מסייעין אותו, ווער איז דער לשון הרמב"ם מסייעין? אדער זיין אייגענע נשמה, אדער נשמות פון אנדערע צדיקים. ס'איז מער וויניגער דער רמב"ם, דער רמב"ם זאגט נביאים.

**דיסקוסיע: פארוואס זאגט דער רמב"ם נישט אז ס'איז דא א פאראלעל "שכר" ביי טוב?**

### Speaker 2:

שוין, איז עד כאן האבן מיר פארענטפערט די אלע פלעצער וואס ס'שטייט אז דער אייבערשטער פארסט א מענטש צו זיין שלעכט אדער צו זיין גוט.

יעצט קען מען פרעגן אזוויי מיר האבן גערעדט אנהייב פרק אביסל.

איך וויל אבער עפעס פארשטיין, דער רמב"ם האט וועגן געקענט צוגיין דערצו אביסל אנדערש און זאגן אזוי, אזוויי ס'איז דא אן עונש אז נאכדעם וואס מ'טוט אסאך א לאנגע צייט חטא, קען מען שוין נישט צוריקציען און טון גוט, איז דא אזא מין שכר אז ווען מ'טוט א לאנגע צייט גוט, קען מען שוין נישט צוריקציען און מ'בלייבט שוין טון גוט. אבער דער רמב"ם זאגט עס נישט, ווייל מסתמא האט דער רמב"ם געהאלטן אז ס'איז יא דא מעשיות פון יוחנן כהן גדול, ס'מאכט זיך א זאך ווי איינער איז געווען א צדיק פאר אסאך יאר און נאכדעם, אפשר האט דער רמב"ם געהאלטן אז ס'איז נישט אזוי דער פאל, ס'איז נאר א יא א ענין פון...

### Speaker 1:

ס'איז א גוטע שאלה וואס דו פרעגסט, אבער איך מיין אז דער תירוץ מוז ליגן אין דעם, איך דארף טראכטן וויאזוי צו זאגן, דער תירוץ מוז ליגן אין דעם וואס ס'איז די זעלבע סטרוקטור, אין אנדערע ווערטער, אין דעם וואס איך זאג אז ס'איז נישט פשוט אז דער אייבערשטער געבט עונש, דער אייבערשטער קען געבן א שכר, ווייל דארף מען פארשטיין אז גוט מיינט רשות, ווען א מענטש טוט א זאך וואס איז גוט און ס'איז נישט בדעת ובצורה, איז עס גארנישט ווערד, האט יענער געזאגט אז דער אייבערשטער זאל זיך אליין דינען, אזוי האט ר' נחמן אמאל געזאגט, ס'גייט נישט אזוי. ס'איז פארקערט, ס'קען נאר זיין מניעות זאלן זיין, א מענטש זאל פארלירן די רשות, דאס קען זיין, אבער באקומען פארלירן די רשות לטוב מאכט נישט קיין סענס.

### Speaker 2:

אבער אמת, דאס וואס דו זאגסט, דער אייבערשטער זאל נישט נעמען די רשות, דאס איז אמת, אבער ס'איז משועבד אין מצד עצמו, נישט? און דער אמת איז אז ביי רע איז אויך ענליך אזוי, ווייל זיי האבן געזאגט לויט וואס איך האב געזאגט אז ער איז נאך אלץ שולדיג פאר רע, אבער דארט זאגט מען אז ער האט פארלוירן זיין רשות, ווייל א מענטש אמת'דיג וויל נישט טון שלעכט, איך ווייס נישט פארוואס, איך מיין אז דאס איז די ריזן, ווייל אין אנדערע ווערטער, די קשיא וואס דו האסט געפרעגט, פארוואס זאגט מען נישט לצד טוב אז אמאל איז א מענטש אזוי גוט אז דער אייבערשטער פארסט אים? ווייל פארסט גוט איז נישט גוט, פארסט שלעכט איז נאך אלץ שלעכט, ער מאכט אז ער זאל ווייטער זיין מתאוה להם ורודף אחריהם.

### Speaker 1:

ווייל די נקודה איז, אפילו די טוב היצר, איז אלעמאל נעמט עס אוועק די מניעה פון... ס'איז דאך דא א מאמר חז"ל אז ער טוט ווייטער גוט אן דעם מתאוה להם ורודף אחריהם, ער טרעפט זיך אין גן עדן, ער קען זיך נישט ארויסזען דערפון. ביי טוב איז עס נאך בעסער אז ער האט גארנישט מתאוה להם ורודף אחריהם.

### Speaker 2:

אזוי זאגט מען, איך ווייס נישט צו ס'איז עכט א חילוק, ווייל דער חוטא פילט אויף די זאך אז ער האט א תאוה, נאר ער זאגט ער קען זיך נישט ארויסזען, דעמאלטס איז שוין טאקע נישטא קיין וועג ארויס, ס'איז א מחלה, ס'ווערט א מחלה, די תשובה ווערט גערופן פון אים.

### Speaker 1:

אבער די גאנצע צייט ברענגסטו אריין די נושא פון עדיקשאן, איך מיין אז דער רמב"ם רעדט נישט פון קיין עדיקשאן. איך פארשטיי די עדיקשאן, אבער דער רמב"ם טראכט איך יא אז ער וויל עס, ער מיינט אז ער וויל עס, ער ווייסט אבער... לאמיר פרעגן אזוי, פרעה אליינס, האט ער געטראכט אז ער קען נישט תשובה טון? ניין, וואס האט ער געטראכט? אז ער קען תשובה טון, נאר ער וויל נישט, רייט? אבער דאס זאגט די תורה, ער האט געוואלט, נאר פארוואס האט ער נישט געוואלט? ווייל ער האט נישט געקענט.

### Speaker 2:

אבער איך מיין אז די חילוק איז וויאזוי מען רעדט וועגן דעם, ביי טוב זאגט מען אז ס'איז א רצון פון דעם מענטש, דאס איז אמת'דיג וואס א מענטש וויל. ביי רע זאגט מען אז ער איז טועה, אבער אמת'דיג איז עס א מצוה גוררת מצוה ועבירה גוררת עבירה.

**אנהייב פון דער לעצטער קשיא: נבואות וועגן צוקונפטיגע רשעות**

### Speaker 1:

אקעי, יעצט גייען מיר ענדיגן מיט די לעצטע קשיא, וואס איז לכאורה א שטערקערע קשיא, אז ס'איז דא אמאל אין די תורה וואס זאגט נבואות פון א לאנגע צייט פאראויס, אז אזוי און אזוי אדער די און די רשעות גייען די מצריים טון, אדער די אידן.

**נבואות וגזירות — האם הנבואה סותרת בחירה חפשית?**

**הלכה ה' — קושיא פון נבואות אויף בחירה חפשית**

**די צווייטע קושיא: נבואות וואס זאגן אז מענטשן גייען חטא'ען**

### Speaker 1:

ניין, ער האט נישט געטראכט אז ער קען נישט תשובה טון, נאר ער וויל נישט. די תורה זאגט אז ער וויל נישט. פארוואס וויל ער נישט? ווייל ער קען נישט. אבער איך מיין אז די חילוק איז וויאזוי מען רעדט וועגן דעם. ביי טוב זאגט מען אז ס'איז די רצון פון דעם מענטש, ווייל דאס איז אמת'דיג וואס דער מענטש וויל. ביי רע זאגט מען אז ער איז א טועה, אבער אמת'דיג איז ער דאך מיטגעווען, ער האט זיך פארגעשטעלט אז ער וויל, אבער אמת'דיג איז ער דאך מיטגעווען מיט די מצוה, ער האט זיך פארגעשטעלט אז ער וויל.

אקעי, יעצט גייען מיר ענדיגן מיט די לעצטע קשיא, וואס איז לכאורה א שטערקערע קשיא. ס'איז דא אמאל אין די תורה וואס זאגט נביאות, נביאות שוין א לאנגע צייט פאראויס, אז אין די און די יארן גייען די מצריים טון אזוי און אזוי, אדער די אידן גייען טון אזוי און אזוי.

צווי קשיות. **"ועבדום וענו אותם"**, דער אייבערשטער זאגט **"ועבדום וענו אותם"**. מיט די ווערטער האט ער גוזר געווען על המצרים לעשות רע. לכאורה, דאס איז די נבואה. ס'איז זייער ענליך צו די קשיא פון דעת השם, אבער ס'איז מער, ווייל דער אייבערשטער האט עס ארויסגעזאגט. אין א געוויסע זין איז עס ענליך.

זאגט ער ווייטער, און אזוי שטייט אין אן אנדערע פסוק, אויך א נבואה, וואס דער אייבערשטער זאגט פאר משה רבינו, **"וקם העם הזה"**, אט קום, די אידן גייען אריינגיין קיין ארץ ישראל, **"וקם העם הזה וזנה אחרי אלהי נכר הארץ"**, די אידן גייען נאכגיין עבודה זרה. **"הרי גזר על ישראל לעבוד עבודה זרה"**. און אויב אזוי איז די קשיא ווייטער, **"ולמה נפרע מהם?"** פארוואס טוט ער זיי אנש'ן? די גאנצע ענין פון עונש איז נאר אויב א מענטש איז ברשותו ודעתו טוט ער די עבירה.

**תירוץ הרמב"ם: "לא גזר על איש פלוני הידוע"**

זאגט דער רמב"ם אזוי. ענטפערט דער רמב"ם, **"לפי שלא גזר על איש פלוני הידוע שיהיה הוא הזונה"**. ער הייבט אן מיט די צווייטע זאך. דאס איז אלמלא דעת השם. ער האט געזאגט אז די אידן גייען נאכגיין נאך עבודה זרה, ער האט נישט געזאגט אז יעדע ספעציפישע איד גייט טון עבודה זרה,

אדער עני ספעציפישע איד. נאר וואס דען האט ער געזאגט? אז ס'גייט זיין עבודה זרה. **"וכל אחד ואחד מאותם הזונים שעבדו עבודה זרה, אילו לא רצה לעבוד לא עבד"**.

**חידוש הרמב"ם: "ולא הודיעו הבורא אלא מנהגו של עולם"**

לאמיר לייגען די תירוץ וואס דער רמב"ם זאגט, ווייל דער ראב"ד גייט פרעגן א קשיא, אבער איך מיין אז דער רמב"ם זאגט עפעס טיפער וואס דער ראב"ד האט נישט פארכאפט אז ער זאגט. דער רמב"ם זאגט אזוי, קודם זאגט ער אזוי, דער אייבערשטער האט קיינמאל נישט געזאגט אז ער איז גוזר געווען, געפארסט עניוואן צו טון עבודה זרה. יעדע איינער וואס האט געטון עבודה זרה האט אליינס מחליט געווען. על מה וואס זאגט דער אייבערשטער יא? **"ולא הודיעו הבורא אלא מנהגו של עולם"**. דאס הייסט, דער פסוק זאגט אונז בעצם קיין שום חידוש. ווען נישט דער פסוק וואלט עס אויך אזוי געווען. ס'איז זייער א טיפער רמב"ם. דער רמב"ם זאגט, "הבטחה וגזירה" זאגט נישט א זאך וואס גייט געשען, און ווען נישט ווען דער אייבערשטער האט געמאכט די נבואה, די הבטחה פאר אברהם, וואלט עס נישט געשען. דער פסוק זאגט "מנהגו של עולם". פארוואס זאגט דער פסוק "מנהגו של עולם"? ווייל מען לערנט זיך צו נעמען עפעס נאך עפעס פארשטיין, ס'מאכט אריין אויף קומענדיגע. האט דער פסוק פארציילט דעם דרך הטבע.

**משל הרמב"ם: "העם הזה יהיו בהם צדיקים ורשעים"**

**"ולמה הדבר דומה?"** זאגט ער, **"למה הדבר דומה? לאומר 'העם הזה יהיו בהם צדיקים ורשעים'"**. אה, איך קען דיר יעצט זאגן, דער רמב"ם זאגט, איך קען דיר יעצט זאגן, "העם הזה", אז ס'גייט זיין, אין יעדן פאלק גייט זיין רשעים. פרעגט זיך, ס'איז נישטא קיין בחירה? ניין, איך זאג אז דאס איז מנהגו של עולם, ס'איז נישטא קיין אנדערע זאך. ס'איז דא א ראיה פון דעם אויך, ער זאגט אבער, **"לא יאמר הרשע שכבר נגזר עליו שיהיה רשע, שכן הודיע הקב"ה למשה שיהיו רשעים בישראל"**.

סטאפ, איך מיין אז דו האסט עס נישט געציילט גוט, איך מיין אז מ'דארף מאכן דא נאך א... לאמיר זאגן אזוי, יא? דאס הייסט, א מענטש קען נישט זאגן, דער אייבערשטער האט שוין פאר משה געזאגט, ס'וועט זיין רשעים. זאגסטו, יא, ווען נישט דער אייבערשטער האט געזאגט וואלט אויך געווען רשעים. דער פוינט איז נישט אז דו גייסט זיין א רשע. דער אייבערשטער האט פארציילט פאר משה דער פאקט אז געוועינליך, אדער אלעמאל, אין א פאלק איז דא רשעים.

**ראיה פון "כי לא יחדל אביון מקרב הארץ"**

**"כענין שנאמר"**, ענליך, ער ברענגט א ראיה פון נאך א פסוק. ווי זע איך אין א פסוק אז אויף די וועלט איז דא עשירים, רייכע מענטשן, און ארימע מענטשן? **"כי לא יחדל אביון מקרב הארץ"**. סא קיין מענטש גייט נישט זאגן אז אויף מיר איז נגזר געווארן צו זיין אן עני ווייל ס'איז דא א פסוק אז ס'איז דא עניים.

דער פסוק זאגט אז ווען א פאלק גייט אריין אין ארץ ישראל וואו ס'איז דא אזויפיל עבודה זרה, גייט מענטשן זיך נישט צושטעלן צו עבודה זרה? אדער דער פסוק זאגט אז אזוי ארבעט דער טבע העולם, די תהליכי חוקי בני אדם, אז ווען ס'קומט אריין א מינאריטעט צווישן א גרויסע אימפעריע, גייט מען זיי פייניגן.

**דיגרעסיע: משל פון תפיסה-זיצער**

איך פארגעס אמאל אז א איד האט געזאגט אין די ערשטע יארן נאך די קריג, א איד זיצט אין תפיסה ערגעץ אין ארץ ישראל, און ער זאגט אזוי, "יענקל, משה, גרוינים, און בערל האבן געמאכט א מדינה. ער גייט זיין ראש הממשלה, ער גייט זיין שר הדתות, ער גייט זיין שר האוצר, און איך גיי זיין דער תפיסה זיצער." אבער ס'איז געווען, ווייל צווישן אן עולם איז דא דער מנהיגים און דער שוואכערע. אבער דו האסט געהאט די בחירה, דו האסט געהאט די רשות'לע צו זיין דער תפיסה זיצער.

**דיסקוסיע: וואס איז די בחירה אויב ס'איז דא סטאטיסטיק?**

וואס איז די בחירה פון א מענטש? מ'קען אבער פרעגן, עס איז דא פאזישאנס פאר יעדן. מ'מעג זאגן אז עס גייט אלעמאל זיין צדיקים און בינונים און רשעים, און טאקע דא האט יעדער בחירה. וואס, לאמיר זיין ריעל, די בחירה איז צו דו זאלסט זיין פון די... וועלכע דזשאב דו זאלסט נעמען, וועלכע בענקל דו זאלסט זיך ארויפזעצן. איי, וואס וועט זיין אויב אלע וועלן טשויסן צו זיין גוט? איך ווייס נישט, דאס איז נישט די שאלה. די תורה זאגט אז עס איז דא א בן סורר ומורה. די טשויס איז צו דו זאלסט זיין די חכם אדער דו זאלסט זיין די תם.

איך גיי דיר פרעגן א קשיא. וואס איז די רמב"ם ענטפערט אויף די קשיא? און וואס איז די רמב"ם זאגט אז איינער איז אן עניש? איך ווייס נישט, די ריעליטי איז אז עס איז דא סטאטיסטיקס. עס זאגט אז עס גייט אלעמאל זיין צדיקים און בינונים און רשעים. וואס איז די רמב"ם זאגט אז יעדער האט א בחירה? איך האב אנגענומען אז די רמב"ם וועט זאגן אז די וועלט איז געווען אמת'דיג, און די בורא האט געזאגט אז עס גייט זיין אזוי. אקעי. לאז אונז זאגן אז יעדער איינער וועט תשובה טון, און איך האב אנגענומען אז יעדער איינער זאל תשובה טון. באַט, עס גייט אויך נישט אזוי.

**די רמב"ם'ס תירוץ וועגן מצרים**

ניין, זאגט די רמב"ם ווייטער, **וכן המצרים, כל זמן ששלטו על ישראל, כל אחד ואחד מאותם המצרים, אם רצה שלא להרע לישראל, הרשות בידו**. די מצרים איז מצרים. די אלע פון זיי האבן געפייניגט און געטשעפעט די אידן. **אילו לא רצה, לא הרע להם, הרשות בידו**. יעדער מצרי אליין האט געקענט טשויסן אז ער גייט נישט טשעפענען די אידן. **שלא גזר על איש ידוע, אלא הודיע שסוף זרעו להשתעבד בארץ לא להם**. ער האט מודיע געווען אז צום סוף גייען די זרע פון די אידן זיך משועבד זיין אין אן ארץ לא להם. ער האט נישט געזאגט אז עס גייט זיין אין מצרים. אפילו פרעה האט געקענט זיין א צווייטער. פרעה האט דיסיידעד אליין צו זיין דער רשע. די בורא האט געזאגט אמת, די בורא האט געזאגט אז עס גייט געשען, און עס געשעט טאקע אזוי.

**דיגרעסיע: בחירה אינערהאלב א סטרוקטור — משל פון טעראר-ארגאניזאציעס**

ס'איז אינטערעסאנט, איך טראכט דאס אסאך מאל, און איך האב געטראכט אז אין יעדע טעראר ארגאניזאציע, אין חיזבאללא, איז אויך דא קינדערגארטנס און נורסערי טיטשערס. ס'קען זיין אז די קינד פון דעם גרויסן ארכי-טעראריסט, צום סוף פירט ער אן די פלעיגראונדס פון די ארגאניזאציע. ס'איז טאקע נישט דא אויף דיר צו זיין וויטהין די סטראקטשער, אבער וויטהין די סטראקטשער איז געווען מצרים וואס זענען געווען רשעים, און ס'איז געווען מצרים וואס האבן געטון אנדערע זאכן, וואס האבן אנגעפירט די סוער סיסטעם. ס'איז דא א בחירה וויטהין די סיסטעם.

און די רמב"ם מיינט אפילו נישט דאס. איך מיין אז די רמב"ם מיינט אפילו אלע פון זיי, אפילו די גאנצע מצרים, אפילו פרעה, יעדער איינער אליין איז מחליט געווען. דאס איז די בורא האט געזאגט, דאס איז השגחה פרטית. ער האט געזאגט אז די בורא איז אזוי.

**דיסקוסיע: אבער דער אייבערשטער ווייסט דאך וועלכער ספעציפישער מצרי**

און דאס איז די שטיקל, ולכבוד המעמד, ווייל דאס איז די רמב"ם. ער מיינט צו זאגן אז אפילו עס פרעגט זיך אבער דער אייבערשטער האט יא געוואוסט וועלכע עס גייט זיין, האט ער עס אויף דעם געזאגט. אפשר מיינט ער לשון ווי ער האט געזאגט די כלליות'דיגע זאך אז די אידן גייען זיין קנעכט, אדער די כלליות'דיגע זאך אז די אידן גייען דינען עבודה זרה? לאמיר זען. לאמיר טראכטן. לאמיר זען.

**הלכה ה' — סיום: "שאין כח באדם לידע היאך ידע הקב"ה"**

**דער רמב"ם'ס סיום-תירוץ**

**"שאין כח באדם לידע היאך ידע הקדוש ברוך הוא"**. א מענטש האט נישט קיין כח באדם, ווי לאנג ער איז צוזאמגעשטעלט פון גוף ונפש, האט ער

נישט קיין כח, פון חומר ורוח, יא, גוף ונשמה. ווי לאנג א מענטש איז א מקובל אין אדמיות, אין מענטשהייט, האט ער נישט די כח צו פארשטיין די דעת של הקדוש ברוך הוא, וואס איז די דעת של הקדוש ברוך הוא. ממילא ווייסט ער נישט **היאך ידע הקדוש ברוך הוא דברים שעתידים להיות.**

**ביאור: דער אייבערשטער'ס דעת איז נישט "נוסף" אויף מציאות**

איך וואלט געטראכט אז דער שטיקל מיינט אזוי. דאס הייסט, קודם כל, מ'קען זאגן אזוי, ס'בלייבט א קשיא אבער דער אייבערשטער ווייסט דאך יא וועלכע מצרי. אבער דעם קען ער נישט דרוקן די פריערדיגע קשיא. איך וואלט געטראכט אז א מענטש וואלט געטראכט אז דער אייבערשטער'ס דעת איז דאך אסאך גרעסער ווי דעם. מיינט עס אז דער אייבערשטער ווייסט נאר אז צווישן די מצרים, דער אייבערשטער ווייסט דאך אויך יעדער מצרי. דער אייבערשטער'ס דעת איז דאך אסאך גרעסער. זאגט ער, אז דאס איז ווען א מענטש טראכט אז דער אייבערשטער'ס דעת איז מיליאן מאל גרעסער ווי זיין דעת, אזוי וואלט איך געטראכט אזוי. דער אייבערשטער ווייסט די מצרים, און ער ווייסט אויך וועלכע מצרי. אבער דו ווייסט נישט וואס דער אייבערשטער'ס דעת איז. דער אייבערשטער'ס דעת איז גרעסער אזוי גרויס אז דו...

אין אנדערע ווערטער, אינטערעסאנט, קען ער זאגן די תירוץ אז ס'גייט זיין שלעכטע מענטשן, און ער וועט זיי באלוינען. אין אנדערע ווערטער, ס'איז נישט גענוג, דער אייבערשטער אליין ווייסט נישט מער. אין אנדערע ווערטער, אויך אים איז דער אייבערשטער נישט משיג מער. אקעי, דאס מיינט ער אפשר עפעס אנדערש.

די דעת של הקדוש ברוך הוא, דארף מען פארשטיין, דער אייבערשטער ווייסט זאכן פונקטליך אזוי ווי זיי זענען. דער אייבערשטער'ס דעת איז נישט נוסף אויף וואס זאכן זענען. ביי אונז, דעת איז חוץ פון דעם וואס איז נוסף אויף אים, איז אויך נוסף אויף די מציאות. ס'איז דא א דעת וועגן די מציאות. אבער דער אייבערשטער איז זיין דעת און זיין מציאות און זיין זייגערט, הוא ידע והוא עד והוא דיין. סאו, דער אייבערשטער ווייסט פונקטליך ווי די זאכן זענען. און דאס אז ער זאגט פאר אונז אז ס'גייט זיין רשעים, דאס איז טאקע וויאזוי די וועלט איז, אז ס'גייט זיין רשעים. וועלכע? דאס איז שוין נישט תלוי ברשותו, נאר אדם יחליט וועלכע זאל זיין. און דאס איז בכלל נישט קיין סתירה מיט דעם אז דער אייבערשטער ווייסט אלעס. היי, דו פארשטייסט עס נישט? איז קלאר, ס'איז איבערגעטראכט וואס מיינט די דעת השם. אבער דאס איז א תירוץ ווען דו ווילסט דאס פארשטיין. ס'איז נישט איבערגעטראכט, נאר ס'איז איין כח באדם. מ'דארף ווארטן ווען מ'וועט זיין א נשמה. ווען מ'וועט זיין א נשמה, וועט מען עס בעסער פארשטיין. מ'קען פארשטיין, ס'איז נישט אזוי שווער. ס'איז שווער, אבער מ'קען.

אויב איינער וויל פארשטיין, רבי יצחק, מ'קען מאכן א חקירה.

**סיום — דער ראב"ד און דער רמב"ם'ס מהלך**

דער ראב"ד אויף אונזער פרק, און אויך אין די פרק איז ער בכלל בכלל נישט העפי מיט'ן רמב"ם'ס תירוצים. לפי דעתי איז, וואס זאל איך דיר זאגן, דער רמב"ם, יא, דער רמב"ם, דו ווייסט וואס ס'טוט זיך ווען מ'לערנט רמב"ם? ווער ס'האט געלערנט רמב"ם, דער רמב"ם רעדט ווען די עיקר קושיא. אבער לויט ווי מיר האבן עס געלערנט זייער גוט, האט דער רמב"ם זייער א קלארע מהלך אין דעם.